ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ
ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט
היסטאָרישע סעקציע

ד״ר עמנואל רינגעלבלום

# צו דער געשיכטע פון יידישן בוך און דרוק אין פוילן אין דער צווייטער העלפט פון 18טן י״ה

ווילנע / 1936

ביבליאָטעק פֿון ייִוואָ
ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט
היסטאָרישע סעקציע

ד"ר עמנואל רינגעלבלום

# צו דער געשיכטע פֿון ייִדישן בוך און דרוק אין פּוילן אין דער צווייטער העלפֿט פֿון 18טן י"ה

TARTU ÜLIKOOL
EESTI JA SUGULUTE ARHIIV
Inv. nr. 755

ווילנע / 1936

Bibljoteka Jiwo
Żydowski Instytut Naukowy
Sekcja Historyczna
**Dr. Emanuel Ringelbaum**
Z dziejów książki i drukarstwa żydowskiego w Polsce w drugiej połowie XVIII w.

The Yiddish Scientific Institute (Yivo)
Department of History
**Dr. Emanuel Ringelblum**
On the History of Jewish Books and Printing in Poland in The Second Half of the 18th Century

PRINTED IN POLAND
DRUK. D. KREJNESA, RUDNICKA 2. WILNO

# דער שטעמפּל אויף יידישע ספרים
# אין פּוילן אין 18טן יאָרהונדערט

מײַן פֿאָטער פּ ײַ װ י ש אַ מתּנה.

אין 17טן יאָרהונדערט און אויך אין דער ערשטער העלפט 18טן לעבט פּוילן איבער אַ מוראדיקע ירידה אויפן פּאָליטישן, ווירטשאַפטלעכן און קולטו־רעלן געביט. אָנגעהויבן פון די 60ער יאָרן פון 18טן י"ה, צײַט דער ממשלה פון לעצטן פּוילישן מלך סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי, הייבט זיך אָן אַ געוויסע פֿאַרבעסערונג. בפרט זײַנען אַ סך שינויים לטובת דעם לאַנד געמאַכט געוואָרן אויפן ווירטשאַפטלעכן געביט. די רעזולטאַטן פון די ווירטשאַפטלעכע רע־פֿאָרמעס לאָזן אויף זיך לאַנג ניט וואַרטן. הגם דאָס לאַנד איז נאָך דער ערשטער צעטיילונג פון פּוילן אין יאָר 1772 קלענער געוואָרן אויף אַ דריטל, וואַקסן דאָך די מלוכה־הכנסות פון 13 מיליאָן אויף 21.

אויף דער דאָזיקער צײַט פון ווירטשאַפטלעכע און בפרט [שטײַערלעכע רעפֿאָרמעס געפֿאַלט אויך די אײַנפירונג פון דעם שטעמפּל־שטײַער.[1] איין פּאַראַ־גראַף פון דעם דאָזיקן ביז דעמאָלט אין פּוילן אומבאַקאַנטן געזעץ פֿאַרנעמט זיך מיטן שטעמפּל אויף יידישע (ד"ה סײַ אין העברעיִש און סײַ אין יידיש) ספרים. דאָס געזעץ וועגן „געשטעמפּלטן פּאַפּיר", באַשלאָסן אויף דער סיים־סעסיע פון[ יאַנואַר 1775, לייגט אַרויף אויף אַלעמען דעם מוז צו שרײַבן אַלע קאָנטראַקטן אויף געשטעמפּלטע בויגנס. דער אָפּצאָל פון אַזאַ בויגן באַטרעפט פון 1 זילבערנעם גראָשן ביז 10 רויטע גילדן (1 רויטער גילדן איז גלײַך 18 פּוילישע גילדן), געווענדט אָן דעם כאַראַקטער פון דעם אַדורכגעפירטן אָפּמאַך.

דער אָפּצאָל פון יידישע געדרוקטע ספרים, און אויך פון אַלע מיני קאַ־לענדאַרן, הן קריסטלעכע הן יידישע, באַטרעפט צו 1 זילבערנעם גראָשן פון אַן עקזעמפּלאַר.

די שטראָף פֿאַר באַנוצן בײַ שליסן אָפּמאַכן נישט־געשטעמפּלטע בויגנס איז זייער אַ הויכע. פֿאַר נאָכמאַכן געשטעמפּלט פּאַפּיר קומט טויט־שטראָף דורך הענגען.

דאָס זעלבע געזעץ האָט אויך אַרויפגעלייגט אַן אָפּצאָל פון 2 זילבערנע גראָשן אויף שפּיל־קאָרטן: פון אַ פּעקל פּוילישע קאָרטן—2 זילבערנע גראָשן, פון פראַנצויזישע—צו 1 פּוילישן גילדן.

---

1 דאָקומענט נומ׳ 36017 אין קראַשינסקיס ביבליאָטעק אין וואַרשע.

די צילן פֿון דעם געזעץ וועגן „געשטעמפּלטן פּאַפּיר״ זײַנען געווען רײַן פֿיסקאַלע. דאָס איז געווען, פּונקט ווי דער אײַנגעפֿירטער טאַבאַק=מאָנאָפּאָל, אַ מיטל צו פֿאַרגרעסערן די מלוכה=הכנסות. דער אָפּצאָל פֿון קאָנטראַקטן אין דער פֿאָרם פֿון אַ שטעמפּל=אָפּצאָל איז נישט געווען דעמאָלט קיין נײַס. ער איז אײַנגעפֿירט געוואָרן אין האָלאַנד אין יאָר 1624, אין ענגלאַנד אין יאָר 1671, אין פֿראַנקרײַך—1673 און אין עסטרײַך אין יאָר 1686.

דאָס פּוילישע געזעץ איז מסתמא אַ קאָפּיע פֿון דעם פּרײַסישן פֿון 13טן מאַי 1766[2] מיט איין וויכטיקן אונטערשייד, וואָס אין פּרײַסישן איז נישט פֿאַראַן קיין ספּעציעלער שטעמפּל=אָפּצאָל פֿון יידישע ספֿרים ווי אין פּוילן. בכלל געפֿינען מיר נישט אין ערגעץ אַזאַ מין אָפּצאָל, פּוילן האָט אים—ווײַזט אויס—צום ערשטן מאָל אײַנגעפֿירט.

ס׳קען אויך גרײַלעך געמאָלט זײַן, אַז די דאָזיקע נײַע משא, וועלכע איז אַרויפֿגעלייגט געוואָרן נאָר אויף יידישע פּלייצעס, האָבן יידן געהאַט צו „פֿאַרדאַנקען״ דעם זייער אינטערעסאַנטן און זייער רירעוודיקן מינץ=ליוועראַנט לייזער=יצחק פֿון קראָטאָשין, וועלכער האָט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע בײַם פּראָיעקט צו גרינדן די ערשטע יידישע דרוקערײַ אין וואַרשע, און אויך בײַם גרינדן אַ דרוקערײַ אין דעם שכנותדיקן נאָווי=דוואָר (נײַ=הויף). אין אַ מעמאָראַנדום[3] צו דער פּוילישער פֿינאַנץ=קאָמיסיע (פֿינאַנץ=מיניסטעריום) רעכנט ער אויס אַלע זײַנע פֿאַרדינסטן פֿאַר דער פּוילישער מלוכה, און דערבײַ דערמאָנט ער, אַז אין דער צײַט פֿון דעם אַזוי=גערופֿענעם דעלעגאַציע=סיים (1773—1775) האָט ער אַרײַנגעטראָגן אַ סך פּראָיעקטן צו פֿאַרגרעסערן די הכנסות פֿון מלוכה=אוצר. ער שרײַבט זיך צו דעם פֿאַרדינסט פֿון אײַנפֿירן דעם פּאַפּיר=שטעמפּל, דעם שטעמפּל אויף יידישע ספֿרים און אויף קאָרטן.

אין פּוילישן סיים האָט דעם פּראָיעקט פֿון שטעמפּל=אָפּצאָל פֿון יידישע ספֿרים אַרײַנגעטראָגן דער באַקאַנטער פֿירשט סולקאָווסקי, דער בעל=הבית פֿון דער גרויספּוילישער שטאָט ליסע, וועלכער האָט אין דער צײַט פֿון דעם דעלעגאַציע=סיים אַרײַנגעטראָגן די אינטערעסאַנטסטע פֿאָרשלאָגן אין גייסט פֿון פּרײַסישן „פּראָגרעס״. אויף דער סעסיע פֿון 10טן פֿעברואַר 1775[4] האָט ער צו דעם שוין פֿאָרגעלייגטן געזעץ וועגן שטעמפּל=פּאַפּיר צוגעגעבן צוויי פּונקטן: איינעם וועגן אַ שטעמפּל=אָפּצאָל פֿון כלערליי קאַלענדאַרן, אַ צווייטן וועגן שטעמפּל אויף יידישע ספֿרים, „וואָס אין לאַנד איז פֿאַראַן אַ גענוג גרויסער פֿאַרנוץ פֿון זיי און זיי קענען שטאַרק פֿאַרגרעסערן די הכנסות פֿון דער רעפּובליק״.

אין גיכן האָט די פֿינאַנץ=קאָמיסיע אַרויסגעגעבן אַן אויספֿיר=פֿאַראָרדענונג אַן אַ״ג „אוניווערסאַל וועגן געשטעמפּלטע קאָרטן, קאַלענדאַרן און געדרוקטע

---

[2] נאָכפֿרײַסישע אַקטן נומ׳ 6 אין וואַרשעווער הויפּט=אַרכיוו.

[3] מעמאָראַנדום צו דער פֿינאַנץ=קאָמיסיע פֿון דער קרוין, נומ׳ 41, 15/XI, 1792.

[4] סיים=דיאַריוש (באַריכט) פֿון יאָר 1775, ז׳ 45.

יידישע ביכער"[5]. דער אוניווערסאַל דאַטירט דעם 3טן יוני 1775, איז אַלעמען
מודיע, אַז דאָס געזעץ וועגן שטעמפּלען יידישע ספרים, קאָרטן און קאַלענדאַרן
איז חל פון 22טן יוני אָן. די פינאַנץ=קאָמיסיע שיקט פונאַנדער צו די סופער=
אינטענדאַנטן פון די באַזונדערע צאָל-פּראָווינצן ספּעציעלע שטעמפּלען פאַר די
יידישע ספרים. די סופּעראינטענדאַנטן זײַנען מחויב זיי פונאַנדערצוטיילן די
שרײַבערס פון די צאָל=קאַמערן אין די ווײַטערדיקע שטעט: פּויזן, קראָקע, פּרוי=
ענשטאַט, וואַרשע, ווילון, וויערושאָוו, צויזמער (סאַנדאָמיר), לובלין, ראַדזי=
ווילאָוו, וואָלאָטשיסק, באַרדיטשעוו, טשערנאָביל, מעזריטש, דיבאָוו, מלאַווע,
סיינע, כאָרזשעל. די דרוקערס, וואָס דרוקן ביכער אין לאַנד, און אויך סוחרים,
וואָס ברענגען פון אויסלאַנד יידישע ספרים, קאַלענדאַרן און קאָרטן, זײַנען
מחוייב זיי צו ברענגען צו די צאָל=קאַמערן. די שרײַבערס דאַרפן אַרויפשטעלן
אַ שטעמפּל: בײַ קאָרטן אויפן טויז רויטס; אויף יידישע ספרים און קאַלענדאַרן
קומט דער שטעמפּל אויפן שער=בלאַט; די שרײַבערס זײַנען מחוייב צו נעמען
אַן אָפּצאָל לויט דעם, ווי מיר האָבן אויבן אָנגעוויזן. אַחוץ די אַרויפגעלייגטע
שטעמפּלען, באַקומט דער צאָלער אַ קוויט אויפן אײַנגעצאָלטן געלט. אַלע וואָס
וועלן עובר זײַן אויפן אוניווערסאַל קומט קאָנפיסקאַציע און האַרבע שטראָפן.
בכדי אַלע זאָלן וויסן וועגן דעם נײַעם געזעץ, דאַרפן אַלע גראָדן אַרײַנשרײַבן
(אָבלאַטירן) אין זייערע אַקטן[6] דעם נוסח פון געזעץ.

אין דעם אוניווערסאַל, וואָס דאַרף זײַן דער וועגווײַזער פאַר די פינאַנץ=
באַאַמטע, איז די וויכטיקסטע פראַגע געבליבן נישט קלאָר: די פראַגע, צי דאַרף
מען שטעמפּלען, און ממילא צאָלן דעם שטעמפּל=אָפּצאָל, אַלע ספרים, דאָס הייסט,
אויך די וואָס זײַנען שוין געווען אין לאַנד ביז יענעם טאָג, אָדער שטעמפּל=
אָפּצאָל קומט נאָר פון די ספרים, וואָס וועלן ערשט דערנאָך אַרײַנגעפירט ווערן
אָדער וואָס וועלן ערשט אַרויס פון דרוק אין לאַנד גופא. אין אוניווערסאַל
שטייט בפירוש: „ס'דאַרפן זײַן געשטעמפּלט די פראַנצויזישע און פּוילישע
קאָרטן, כלערליי קאַלענדאַרן און יידישע געדרוקטע ספרים, וועלכע מען גייט
קויפן אָדער פאַרקויפן". פון דעם וואָלט מען געקענט דרינגען, אַז דאָ האַנדלט
זיך בלויז וועגן נײַע ספרים, „וועלכע מען גייט קויפן אָדער פאַרקויפן". דער=
דאָזיקער אײַנטײַטש ווערט נאָך קלאָרער פון דעם, וואָס דער חוב צו שטעמפּלען
די נײַע ביכער ליגט, לויטן אוניווערסאַל, אויף די דרוקערס און מוכר=ספרימני=
קעס; דער דאָזיקער חוב ווערט נישט אַרויפגעלייגט אויף פּריוואַטע יחידים. אַ סימן
אַז עס האַנדלט זיך נאָר וועגן נײַע ספרים.

אין אַ גאָר אינטערעסאַנטן מעמאָראַנדום[7], געחתמעט „די נידעריקסטע פּוס=

---

[5] דעם אוניווערסאַל האָב איך געלייענט אין דער ביבליאָטעק פון קראַשינסקי, נומ' 36017.

[6] דעם זעלבן אוניווערסאַל האָב איך אויך געלייענט אין דעם „עקאָנאָמישן פּראָטאָקאָל פון דער קיניגישער פינאַנץ=קאָמיסיע", נומ' 12, ז' 417 (פינאַנץ-אַרכיוו, וואַרשע).

[7] מעמאָראַנדומס צו דער פינאַנץ-קאָמיסיע נומ' 44, ז' 481 (וואַרשעווער פינאַנץ-אַרכיוו).

בענקעלען—דאָס יידישע פאָלק" (Nayniżsi Podnożkowie—Naród Żydowski), ווערט טאָקע אָנגעוויזן, אַז „דאָס סיים=געזעץ קען נישט ווערן אַנדערש פאַרשטאַנען ווי נאָר, אַז אונטערן שטעמפּל פאַלן אַרונטער בלויז אונדזערע [ד"ה די יידישע] אַרײַנגעבראַכטע ספרים, און נישט די וואָס מיר באַנוצן".

ווי איך האָב אָקערשט באַוויזן, איז טאָקע „דאָס יידישע פאָלק" גערעכט, אַז דאָס שטעמפּל=געזעץ איז חל בלויז אויף נײַ=אַרײַנגעבראַכטע ספרים, אָבער נישט אויף אַלטע. אָבער דאָס, וואָס „דאָס יידישע פאָלק" ווענדט זיך אין דער פראַגע צו דער פינאַנץ=קאָמיסיע, איז אַ סימן, אַז די פינאַנץ=באַאַמטע האָבן אין כתירה צום בפירושן נוסח פון אוניווערסאַל פאַרלאַנגט אַ שטעמפּל=אָפּצאָל אויך פון אַלטע ספרים. אין טעות איז אָבער „דאָס יידישע פאָלק", ווען עס פאַררופט זיך אויפן סיים=געזעץ, וואָרעם דאָס געזעץ זאָגט בפירוש, אַז „אַלע קאַלענדאַרן און אויך אַלע געדרוקטע יידישע ספרים דאַרפן ווערן געשטעמפּלט".

ווי מיר זעען, האָט דאָ אַרײַנגעבראַכט אַ תוהו=ובוהו די פינאַנץ=קאָמיסיע, וואָס האָט אין איר אוניווערסאַל גאַנץ פאַלש אויסגעטײַטשט דאָס סיים=געזעץ און באַגרענעצט עס בלויז אויף נײַע ספרים. אין דער פּראַקטיק אָבער האָבן זיך די באַאַמטע געהאַלטן פאַר דעם סיים=געזעץ—נישט אומזיסט האָבן זיך דעריבער געקלאָגט אחינו בני ישׂראל!...

## פּראָיעקט צו פאַרדינגען דעם יידישן שטעמפּל=שטײַער

איידער מיר גייען איבער צו דעם ווײַטערדיקן גורל פון דעם שטעמפּל=געזעץ, ווילן מיר זיך אויף אַ ווײַלע אָפּשטעלן אויף דעם פּראָיעקט פון אָפּגעבן אין אַרענדע דעם שטעמפּל=אָפּצאָל פון יידישע ספרים, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ שטיקל מהומה אין דעם יידישן וועלטל און אַרײַנגעבראַכט אַ ביסל בייז בלוט אין די העכסטע אינסטאַנצן פון פּוילישן פינאַנץ=וועזן. דער סיכסוך וועגן דעם, צי זאָל מען איבערגעבן דעם שטעמפּל=שטײַער פון יידישע ספרים אָדער אַליין איבער אים שאַפן, איז נאָך פאַרשאַרפט געוואָרן מחמת דעם, וואָס גראָד אין יענע חדשים איז, אַחוץ דער שוין זינט 1764 עקסיסטירנדיקער פינאַנץ=קאָמיסיע, געשאַפן געוואָרן אַן העכערער פינאַנץ=אָרגאַן: דער פינאַנץ=דעפּאַרטאַמענט פון שטענדיקן ראַט[8].

שוין דאָס סיים=געזעץ וועגן פּאַפּיר=שטעמפּל האָט דערקלערט, אַז אויב עס וועט זיך געפינען אַ חברותא (קאָמפּאַניע) וואָס וועט זיך אונטערנעמען צו האַלטן אין אַרענדע די הכנסות פון שטעמפּל, דאַרף די פינאַנץ=קאָמיסיע וועגן דעם מעלדן דעם נאָענטסטן פּוילישן פּאַרלאַמענט. לייזער פון קראָטאָשין[9], דער לוי=

---

[8] אזוי האָט געהייסן די פּוילישע רעגירונג, וועלכע איז געשאַפן געוואָרן אין יאָר 1773 נאָך דער ערשטער צעטיילונג פון פּוילן דורך דעם טיילונגס=סיים.

[9] מעמאָראַנדומס נומ' 17, ז' 183.

וויטשער סענדיק, וועלכער גיט זיך אָן פאַר דעם פּראָיעקט=געבער פון דעם שטעמפּל=געזעץ, נוצט אויס דעם דאָזיקן אָרט אין געזעץ און ווענדט זיך דעם 28 יוני 1775 צוזאַמען מיט זײַנעם אַ שותּף לייב בן אליהו (עליאַשאָוויטש) צו דער פינאַנץ=קאָמיסיע מיטן פאָרשלאָג איבערצוגעבן זיי אין אַרענדע דעם שטעמפּל=אָפּצאָל פון יידישע ספרים. זיי לייגן פאָר 2.000 רויטע גילדן פאַרן ערשטן יאָר איבער אַ גאַנצער ריי טעמים. דער ערשטער: זיי האָבן גערעכנט, אַז דאָס געזעץ וועגן שטעמפּל פון יידישע ספרים וועט אַרומנעמען סײַ די קרוין, סײַ ליטע, דערווײַלע איז דאָס געזעץ חל בלויז אויף דער קרוין. דער צווייטער: אַ סך גרעסערע שטעט זײַנען אַריבערגעגאַנגען נאָך דער ערשטער צעטיילונג פון פוילן (1772) אין די הענט פון די שכנים, דער דריטער: אין אוקראַינע זײַנען אַ סך שטעט חרוב געוואָרן דורך די קאָזאַקישע הײַדאַמאַקעס[10], און אויך אין אַנ=דערע וואָיעוואָדשאַפטן זײַנען אַ סך שטעט פאַרברענט געוואָרן. מחמת די אַלע טעמים זײַנען זיי נישט ביכולת פאָרצולייגן אַ העכערן סכום ווי 2.000 רויטע גילדנס. אויב די קאָמיסיע וועט מסכּים זײַן מיט זייער פאָרשלאָג, בעטן זיי פון דער קאָמיסיע צוויי קאַסירערס צו הילף. אויב די קאָמיסיע וועט נישט אָננעמען זייער פאָרשלאָג וועגן אַרענדע, לייגן זיי פאָר זייער דינסט ווי באַאַמטע בײַם אויספירן דאָס געזעץ וועגן יידישן ביכער=שטעמפּל.

מן=הסתּם האָט לייזער פון קאָראָטשין געהאַט אַ שטאַרקן אָנשפּאַר אין דער פינאַנץ=קאָמיסיע, ווײַל נאָך דעם זעלביקן טאָג[11] ווערט דאָרט באַשלאָסן איבערצוגעבן די אַרענדע לייבקען מיט לייזערן. די קאָמיסיע באַוואָרנט זיך אָבער, אַז זי פון איר זײַט וועט דערקלערן אַ ליציטאַציע אויף דער אַרענדע ביז צום 31סטן יולי, און אויב ס'וועט זיך געפינען עמעצער וואָס וועט פאָרלייגן אַ העכערע סומע ווי 2.500 רויטע גילדן, ווערט דער אָפּמאַך בטל. גלײַכצײַטיק באַשליסט די קאָ=מיסיע מודיע צו זײַן וועגן דעם די סופּעראינטענדאַנטן פון די צאָל=פּראָווינצן. די באַדינגונגען זײַנען: מזומן געלט און די גאַראַנטיע פון אַ וואַרשעווער באַנקיר.

ביז צום באַשטימטן טערמין, ד"ה ביזן 31סטן יולי זײַנען אין דער קאַנצע=לאַריע פון דער פינאַנץ=קאָמיסיע אַרײַנגעקומען בלויז איין אָנפרעג פון יעקב בן שמואל[12], צי דער אָפּמאַך וועגן דער אַרענדע נעמט אַרום בלויז די נײַע ספרים, צי אויך די אַלטע, און אַ פאָרשלאָג פון אַ געוויסן ס. קאַהלער[13] אויף 2.200 רויטע גילדן. לייבקע און לייזער זײַנען אָבער געווען אין קורס פון דער זאַך. דעם

---

[10] דאָ גייט די רייד וועגן די טרויעריק באַרימטע שחיטות אין אוקראַינע אין די יאָרן 1768 און ווײַטערדיקע בעת דעם קאַמף צווישן די פויל׳שע מורדים—די באַרער קאָנפעדעראַטן און די רוסן. ד שרעקלעכסטע שחיטה איז דעמאָלט פאָרגעקומען אין דער שטאָט אומאַן, די אָנפירער פון די שחיטות זײַנען געווען די אַטאַמאַנען גאָנטע און זשעלעזניאַק.

[11] עקאָנאָמישער פּראָטאָקאָל נומ׳ 12, ז׳ 478 (וואַרשעווער פינאַנץ-אַרכיוו).

[12] דאָרט, ז׳ 250.

[13] דאָרט, ז׳ 252.

לעצטן טאָג פון דער ליציטאַציע שרײַבט לייבקע אַרײַן צו דער קאָמיסיע[14] אַ נײַעם מעמאָראַנדום, אַז אים קומט די בכורה, און אַז ער איז גרייט צו געבן מיט 50 ג׳ מער, איידער יעדער אַנדערער. פאַר אַן ערב גיט ער אָן דעם באַרימטן וואַרשעווער באַנקיר טעפּער.

צווישן די צוויי אָ־ערטעס פון ס. קאַהלער און לייבקען האָט די קאָמיסיע אויסגעקליבן די לעצטע, מחמת לייבקע האָט געגעבן מיט 50 רויטע גילדן מער, איידער ס. קאַהלער, ד״ה 2.250 רויטע גילדן. די קאָמיסיע באַשליסט איבערצוגעבן די אַרענדע פון דעם שטעמפּל לייבקען און באַשטימט צוויי באַאַמטע, פּיוניצקי און סאָבאָלעווסקי, אויף צונויפצושטעלן און אונטערשרײַבן מיט לייבקען דעם אָפּמאַך[15].

ס׳איז אָבער נישט באַשערט געווען לייבקען און לייזערן איבערצונעמען די אַרענדע פון ספרים־שטעמפּל. מסתמא איז אין די עולמות העליונים געשטאַנען פאַרשריבן, אַז לייזער האָט אויסגעטראַכט די דאָזיקע נײַע גזירה אויף די פּוילישע יידן אפשר טאַקע מיט דעם מיין צו באַקומען די אַרענדע פון דעם דאָזיקן שטעמפּל. אַזוי צי אַזוי, אַרום דער אַרענדע האָט זיך איצט פונאַנדערגעפלאַקערט אַ שאַרפער קאַמף, וואָס האָט ממש אַרויסגערופן אַ גאַנצע איבערקערעניש אין די העכסטע מלוכה־קרײַזן.

כּדי צו פאַרשטיין די גאַנצע מהומה אַרום דער אַרענדע, מוזן מיר אַרײַנקוקן הינטער די קוליסן פון דעם גאַנצן ענין. ווי מיר דערמאָנען זיך, איז דער צווייטער קאָנקורענט פון דער אַרענדע געווען ס. קאַהלער. אין דער אמתן איז אָבער קאַהלער געווען אַן אונטערגעשטעלטער פּאַרשוין, וואָס הינטער אים איז געשטאַנען גאָר אַ וויכטיקע פיגור. דאָס איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי דער גנעזנער וואָיעוואָדע, דער פירשט אויגוסט סולקאָווסקי[16], וועלכער האָט געשפּילט דעמאָלט אַן ערשטקלאַסיקע פּאָליטישע ראָלע ווי אַן אָנהענגער פון דער פּרײַסישער פּאַרטיי אין פּוילן[17].

אויגוסט סולקאָווסקי איז געווען אַ פאַרקויפטע נשמה, פונקט ווי אַ גרויסער טייל פון די פּוילישע מאַגנאַטן. זײַן פּאָליטישע נידערטרעכטיקייט איז געגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז ער האָט אָנגענומען פרידריך דעם IIטנס פאָרשלאָג צונויפצורופן אין זײַן שטאָט ליסע עפּעס אַ ראַט און אָפּרײַסן גרויס־פּוילן פון דער פּוילישער מלוכה. שפּעטער איז ער געווען פאַרקויפט די רוסן האָט גענומען בײַ זיי שווערע געלטער.

---

14 דאָרט, ז׳ 251.

15 דאָרט, ז׳ 584.

16 דעם 14 אַווגוסט 1775 טרעט שוין קאַהלער אַרויס אָפן אין נאָמען פון פירשט סולקאָווסקי (עקאָנ׳ פּראָטאָקאָל פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע נומ׳ 12, ז׳ 281).

17 קאָרזשאָן: די אינעווייניקסטע געשיכטע פון פּוילן אין די צײַטן פון סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי, ב׳ III, ז׳ 151.

אין וואַרשע האָט ער געהאַלטן די אַרענדע פון שטײַער פון משקאות, די צזוי גערופענע „czopowe” פאַר 280.000 גילדן, הגם אויף דער ליציטאַציע האָט מען פאַר דעם געוואָלט געבן גאַנצע 400.000 גילדן. איצט האָט ער טאַקע דעם פאַרוואַלטער פון משקאות-שטײַער קאַהלערן באַפוילן איבערצונעמען די אַרענדע פון שטעמפּל-אָפּצאָל. דער סיים האָט אָן ספק נאָך פריער געהאַט פאַרהאַלטן דעם קאָנטראַקט מיט לייבקען אויף 2.000 רויטע גילדן, וואָס איז שוין כמעט געווען ווי אָפּגעשלאָס[18]. סולקאָווסקי האָט גערעכנט, אַז לייבקע וועט זיך מער נישט באַמיען וועגן דער אַרענדע. ווען ער האָט אָבער דערזען, אַז לייבקע העכערט די אַרענדע-סומע, האָט ער זי אויך געהעכערט. ווי מיר דערמאָנען זיך, האָט לייבקע גע-זיגט אַדאַנק 50 רויטע גילדן. ער האָט געגעבן 2.250 רויטע גילדן, בעת קאַהלער האָט פאָרגעלייגט 2.200 רויטע גילדן.

דער שטענדיקער ראָט, ווו סולקאָווסקי האָט געהאַט אַ גרויסע דעה, האָט גלײַך דעם צווייטן טאָג נאָכן איבערגעבן לייבקען די אַרענדע אָנגעהויבן דעם קאַמף מיט דער פינאַנץ-קאָמיסיע. דעם 1טן אַווגוסט נעמט ער אָן אַ באַשלוס, אַז דער אַרענדע-אָפּמאַך איז נישט גילטיק, מחמת דאָס סיים-געזעץ זאָגט בפירוש, אַז „אויב ס'וועט זיך געפינען אַ חברותא וואָס וויל איבערנעמען די אַרענדע, דאַרף דער פאָרשלאָג געבראַכט ווערן פאַר דער נאָענטסטער זיצונג פון סיים”[19]. די פינאַנץ-קאָמיסיע האָט בכן געהאַנדלט קעגן דעם בפירושן נוסח פון געזעץ.

דער צווייטער פאָרוווּרף פון שטענדיקן ראָט איז, אַז די יידן טאָרן נישט האַלטן אין אַרענדע און פאַרוואַלטן עפנטלעכע הכנסות זינט כמה יאָרן. דער לעצטער פאָ־ווּרף איז, אַז די קאָמיסיע האָט נישט ווי געהעריק אַדורכגעפירט די ליציטאַציע.

די פינאַנץ-קאָמיסיע האָט מיט 4 טעג שפּעטער, ד״ה דעם 4טן אויגוסט[20] געענטפערט אויף די אַלע פאָרוווּרפן באריכות. קודם-כל דריקט זי אויס איר חידוש, פאַרוואָס דער שטענדיקער ראָט רופט זיך ערשט איצט אָפּ, בעת די אַרענדע איז שוין געוואָרן איבערגעגעבן. די קאָמיסיע האָט ראַפּאָרטירט דעם ראָט נאָך דעם 1טן יולי — איז דעמאָלט געווען צײַט צו רעאַגירן. וואָס שייך דעם ערשטן פאָרוווּרף, אַז דאָס סיים-געזעץ פאַרלאַנגט, דער אַרענדע-אָפּמאַך זאָל באַשטעטיקט ווערן דורכן נאָענטסטן סיים, האַלט די קאָמיסיע, אַז דאָס איז שייך נישט צו די יידישע ספרים, נאָר בלויז צו דעם פּאַפּיר-שטעמפּל. אַזוי ווי דאָס געזעץ האָט נישט באַשטימט, ווי אַזוי צו פאַרוואַלטן די דאָזיקע הכנסה, האָט די קאָמיסיע געהאַלטן דעם אופן פון אַרענדע פאַר דעם פּאַסיקסטן.

דאָס געזעץ, וואָס פאַרווערט די יידן צו האַלטן אין אַרענדע עפנטלעכע אָפּצאָלן, איז דאָ נישט חל—טענעט די פינאַנץ-קאָמיסיע, ווײַל ראשית איז יענס

---

18 סיים-דיאַריוש 1775, ז׳ 310.

19 רעזאָלוציעס פון שטענדיקן ראַט, נומ׳ 11.

20 עקאָנאָמישער פּראָטאָקאָל פון דער פינאַנץ-קאָמיסיע, נומ׳ 12, ז׳ 594.

געזעץ אַרויסגעגעבן געוואָרן פריער פאַר דעם געזעץ וועגן שטעמפּל, והשנית איז די כוונה פון יענעם געזעץ, אַז יידן זאָלן נישט ווי אַרענדאַטאָרס פון עפנט־לעכע אָפּצאָלן רודפן די קריסטן. גאַנץ ריכטיק ווייַזט די פינאַנץ־קאָמיסיע אָן, אַז אַ פאַרבאָט יידן צו האַלטן אין אַרענדע יידישע שטייַערן איז קיינמאָל נישט גילטיק געווען. די קאָמיסיע פאַררופט זיך דערויף, אַז ביזן יאָר 1764 האָט דער יידישער סיים געהאַלטן דאָס יידישע קאָפּ־געלט אין אַרענדע. איבער־געבנדיק יידן די אַרענדע פון דעם ספרים־שטעמפּל, האָט זיך די קאָמיסיע גע־רעכנט דערמיט, אַז יידישע אַרענדאַטאָרס וועלן צום בעסטן וויסן, ווי די ספרים ווערן באַהאַלטן.

אויך דעם פאָרוואורף, אַז זי האָט שלעכט דורכגעפירט די ליציטאַציע, האַלט די פינאַנץ־קאָמיסיע פאַר נישט ריכטיק. דער פרינציפּ plus offerenti (דער וואָס גיט מער זאָל באַקומען די אַרענדע) ווערט אָנגעווענדט אין אויסלאַנד. די קאָ־מיסיע האָט דורך אַ טרומייטער מודיע געווען די וואַרשעווער יידן וועגן דער אַרענדע פון ספרים־שטעמפּל. נאָך מער: אין לעצטן טאָג, ווען די קאָמיסיע האָט געזען, אַז מען לייגט נישט פאָר מער ווי 2.150 רויטע גילדן האָט זי פאַרלענ־גערט דעם טערמין ביזן אָוונט און האָט פאַקטיש דערגרייכט, אַז די אַרענדע־סומע איז דערגאַנגען ביז 2.250 ר׳ גילדן.

דער שטענדיקער ראָט האָט אָבער אויסגעפירט זייַנס. דער אָפּמאַך מיט לייבקען און לייזערן איז דערקלערט געוואָרן פאַר נישט גילטיק. ס׳איז באַשטימט געוואָרן אַ נייַע ליציטאַציע. דעם 10טן אויגוסט לייגט פאָר דער לענטשיצער וואָיעוואָדע שימאָן דזשיערזשביצקי 2.500 רויטע גילדן[21]. לייבקע[22] שטייט אויך נישט אָפּ. אויך ער לייגט עפּעס פאָר דער קאָמיסיע און בעט, מען זאָל מיט אים שליסן דעם אָפּמאַך, ווייַל דאָס זיצן אין וואַרשע קאָסט אים אַ סך געלט. דזשיערזשביצקין ליציטירט איבער ס. קאָהלער, סולקאָווסקיס פאַרטרעטער, ער וויל צאָלן 2.650 רויטע גילדן[23], ד״ה מיט 150 רויטע גילדן מער. אין צוויי טעג שפּעטער איז ער שוין מסכים אויף אַ העכערער סומע אויף 3.200 ר׳ גילדן[24], אָבער ס׳ליציטירט זיי איבער אַ געוויסער פעליקס פּאַוולאָווסקי, וועלכע לייגט צו נאָך 50 ר׳ גילדן[25].

די גאַנצע שפּיל מיט דער אַרענדע פון יידישן ספרים־שטעמפּל איז נישט געבליבן שטעקן אין די ד׳ אמות פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע און שטענדיקן ראָט. די אינטריגעס פון סולקאָווסקי, די שטרעבונג פון לייבקען און לייזערן פון

---

21 עקאָנאָמישער פּראָטאָקאָל ב׳ 12, ז׳ 279.

22 דאָרט, ז׳ 280.

23 דאָרט, ז׳ 281.

24 דאָ־ט, ז׳ 282.

25 דאָרט, ז׳ 333.

קראָטאָשין צו באַקומען די אַרענדע איז נישט געבליבן פאַרהוילן פאַרן יידישן עולם. די זאַך האָט אַרויסגערופן גרויס אויפזען אין לאַנד.

די יידישע מאַסע האָט מסתמא גוט געקענט לייזערן און לייבקען פון זייערע שיינע מעשים, עס איז נאָך געווען פריש אין זכּרון די מוראדיקע עקספּלואַטאַציע און הויט=שינדעריי, וואָס די קהילהשע תּקיפים פלעגן אָנווענדן אין די צייטן, ווען דאָס קאָפּ=געלט פלעגן פונאַנדערטיילן די יידישע אויטאָנאָמע אָרגאַנען. איבעריקנס נאָך דעמאָלט, שוין נאָכן אָפּשאַפן דעם יידישן סיים אין יאָר 1764, האָט די יידישע מאַסע גאַנץ גוט געפילט די בייטש פון קהל, וועלכער פלעגט באַראַבעווען די יידישע אָרעמשאַפט אונטער פאַרשיידענע תּירוצים, ווי למשל אונטערן אויסרייד פון צאָלן די אַלטע קהילה=חובות וכדומה.

אַ ציטער האָט אַרומגענומען דעם יידישן עולם, בעת עס איז דערגאַנגען צו אים די ידיעה, אַז דער יידישער ספרים=שטעמפּל ווערט איבערגעגעבן אין אַרענדע צו צוויי יידן, וואָס האָבן מסתמא ביים עולם קיין איבעריק גוטן שם נישט געהאַט. מען האָט גענומען פאַרשיטן די פינאַנץ=קאָמיסיע מיט מעמאָראַנדומס און בקשות, אַז זי זאָל דעם שטעמפּל נישט איבערגעבן אין אַרענדע, נאָר אַז די קאָמיסיע אַליין זאָל אים פאַרוואַלטן. די בקשות גיבן אָן קהילות, רבנים, טייל פרנסים וכדומה.

זייער כאַראַקטעריסטיש איז דאָס מעמאָראַנדום אונטערגעשריבן דורכן „יידישן פאָלק". דאָרט ווערט אויסגעדריקט די מורא פאַר די יידישע שטעמפּל=אַרענדאַטאָרס. „ס'איז פאַר אונדז זייער שווער — שרייבן זיי — ביי די כּל=ערליי נגישות און רדיפות [מסתמא פון קהל] זאָלן מיר נאָך פאַלן אַ קרבן פון אונדזערע ברידער, וואָס ווילן געניסן פון אונדזערע הייליקייטן, וועלכע קומען אונדז"[26].

„דאָס יידישע פאָלק"[27] איז גרייט צו מאַכן אַזעלכע פאָרשלאָגן, וואָס זאָלן אויף אַ האָר ניט פאַרמינערן די הכנסות פון דער קאָמיסיע, וואָס זי קאָן קריגן פון די יידישע ספרים. ראשית נעמען זיי אויף זיך דין אַרענדע=סומע, וועלכע די אַרענדאַטאָרס זיינען גרייט געווען צו צאָלן פון די אינלענדישע ספרים. זיי פּראָיעקטירן די דאָזיקע סומע אַרויפצולייגן אויף אַלע יידן פון פּוילן פּראָפּאָר=

---

26 מעמאָראַנדומס צו דער פינאַנץ=קאָמיסיע נומ' 44, ז' 481.

27 די בקשה פון „יידישן פאָלק" האָבן אונטערגעשריבן: שאול, אַ רב פון לובלין, נטע, אַ רב פון פּשעדבאָרסק, אברהם דאַנקאָוויטש פון כענטשין, זייוול דודס פון וואָידיסלאַוו, קלמן שלאָמאָוויטש פון שעננאָ, לעוועק פון קאָניעצפּאָל, שמואל פון לאַסק, שמואל יאַנושאָוויטש פון לובאַרטאָוו, לעוועק פון פּעטריקאָוו, אייזיק בן נתן פון זשאַרעק, הערשקאָ ראַבינאָוויטש פון אָלקוש, אליהו פון סטאָבניץ, נטע פון פּינטשעוו, שלמה פון ביאַלע, לעוועק פון שידלאָוויץ, משה פון פּיליץ, אשר פון ראַדזימין, אברהם פון פּשיסכע, יאָסעק פון קוניצק, חאַסקל פון ניי=שטאָט, לעוועק פון לעלאָוו, יעקב פון אָפּאָטשנע, גבריאל פון זאַקראָטשים, לעוועק פון ווישעגראָד, שלמה, אַ רב פון טאַרלאָוו, לייב פון קרעמענעץ, דוד פון אַפּט, אליהו פון קאָנסטאַנטינאָוו, לעוועק פון סעמיאַטיטש, פייוול פון ראַקאָוו.

ציאָנעל אויף יעדן יידישן קאָפּ. וואָס שייך ווידער די אַרייַנגעבראַכטע ספּ־ים פון אויסלאַנד, זאָל איבער זיי פאַרוואַלטן די קאָמיסיע גופא.

נאָך די שטערענישן און פּראָטעסטן פון דעם שטענדיקן ראָט האָבן די מעמאָראַנדומס פון די קהילות און רבנים געפונען אַן אָפּקלאַנג בײַ דער פינאַנץ־קאָמיסיע. אויף דער זיצונג פון 5טן אָקטאָבער 1775[28] באַשליסט די קאָמיסיע אַליין צו פאַרוואַלטן איבער דעם יידישן ספרים־שטעמפּל. די דאָזיקע החלטה מאָטיווירט זי מיט דרייַ טעמים: 1) די בקשות און מעמאָראַנדומס פון די קהילות, רבנים און פרנסים, 2) די מורא, אַז אויב יידן וועלן אַרענדירן דעם שטעמפּל, וועט זי כסדר האָבן צו טון מיט תרעומות און אָנקלאָגעס אויף זיי, און 3) דער ווילן צו דערוויסן זיך, ווי גרויס קענען זייַן די הכנסות פון יידישן ספרים־שטעמפּל.

איצט, ווען די פינאַנץ־קאָמיסיע האָט שוין באַשלאָסן אַליין צו פאַרוואַלטן איבער דער אַרענדע פון ספרים־שטעמפּל, הייבט זיך אָן אַ נייַע סדרה. דער שטענדיקער ראָט, וועלכער האָט פריער אַזוי פיל געהאַט פּראָטעסטירט קעגן דער קאָמיסיע בנוגע דער אַרענדע פון ספרים־שטעמפּל, האָט איצט נײַע טענות. אין אַ בריוו[29] דאַטירט דעם 6טן אָקטאָבער, ד"ה אַ טאָג נאָכן באַשלוס פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע, מאַכט זיך דער שטענדיקער ראָט כּלאַ־ידע. ער האָט מיט זייַן בריוו פון 1טן אויג׳סט נישט געמיינט חלילה אָפּצוהאַלטן די קאָמיסיע פון אַרויסגעבן אין אַרענדע דעם ספרים־שטעמפּל. אים איז נאָר געגאַנגען דערין, אַז יידן זאָלן נישט ווערן צוגעלאָזן צו דער אַרענדע. איצט אָבער אַז מען לייגט שוין פאָר נישט 2.500 ר׳ גילדן, נייַערט כמעט 4.000 ר׳ גילדן, האַלט דער שטענדיקער ראָט, אַז מען דאַרף דערקלערן אַ נייַע ליציטאַציע per plus offerentiam.

מחמת דעם נייַעם פּלאָנטער האָט מען באַשלאָסן שוין מער נישט צו קאָרעספּאָנדירן, נאָר צונויפקומען זיך אויף אַ קאָנפערענץ פון ביידע צדדים, וועלכע זאָל לעצטגילטיק באַשליסן וועגן דעם ענין: אַרענדע אָדער דירעקטע אַדמיניסטראַציע פון יידישן ספרים־שטעמפּל דורך דער מאַכט.

די קאָנפערענץ פון שטענדיקן ראָט מיט דער פינאַנץ־קאָמיסיע איז זיך טאַקע צונויפגעקומען און באַשלאָסן, אַז אויב עמעצער וועט גרייט זיין צו געבן 7.000 רויטע גילדן אַרענדע־געלט, זאָל מיט אים געשלאָסן ווערן אַן אָפּמאַך, אויב נישט זאָל דעם ספרים־שטעמפּל פאַרוואַלטן די קאָמיסיע גופא[30].

די פינאַנץ־קאָמיסיע האָט אָנגענומען דעם פאָרשלאָג פון דער געמיינזאַמער קאָנפערענץ וועגן אַרענדירן דעם ספרים־שטעמפּל, זי האָט באַשטעטיקט דאָס אַרענדע־געלט אויף 7.000 רויטע גילדן, גלייַכצייַטיק אָבער באַוואָרנט זיך, אַז די צוקונפטיקע אַרענדאַטאָרס וועלן נישט טאָרן באַעוולען די יידן[31].

---

[28] עקאָנ׳ פּראָטאָקאָל נומ׳ 12, ז׳ 846.

[29] עקאָנ׳ פּראָטאָקאָל נומ׳ 12, ז׳ 846.

[30] רעזאָלוציעס פון שטענדיקן ראָט נומ׳ 11, ז׳ 22.

[31] עקאָנאָמישער פּראָטאָקאָל נומ׳ 12, ז׳ 992.

איצט האָט זיך פון דאָס ניי אָנגעהויבן דאָס אַלטע וועט־געיעג: לייבקע — פירשט סולקאָווסקי. לייבקע וויל געבן 5.000 ר׳ גילדן, דער פירשט סולקאָווסקי יאָגט אָבער אַריבער, ער גיט שוין 6.000 ר׳ גילדן[32] — ביי דעם איז שטיין געבליבן. די קעמפנדיקע צדדים האָבן איינגעזען, אַז ביי אַ העכערער סומע וועט זיך שוין די אַרענדע נישט לוינען. אַזוי אָבער ווי ס׳האָט זיך קיינער נישט געפונען, וואָס זאָל וועלן געבן אַ העכערע סומע, און די באַשטימטע סומע 7.000 רויטע גילדן[33] איז נישט דערגרייכט געוואָרן, האָט די פינאַנץ־קאָמיסיע באַשלאָסן איבערצונעמען די אַדמיניסטראַציע פון יידישן ספרים־שטעמפל אין אירע אייגענע הענט.

דער באַשלוס איז אַריין אין קראַפט און די פינאַנץ־קאָמיסיע האָט איבערגענומען די פאַרוואַלטונג פון יידישן ספרים־שטעמפל. דער געלט־דאָרשטיקער פירשט האָט אָבער נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז מען האָט אים אַרויסגעריסן אַזאַ פעטן ביסן פון מויל. אַכט יאָר שפעטער איז אים נאָך אין זינען געלעגן די דאָזיקע אַרענדע. אויף אַ סיים־זיצונג[34] הזָט ער נאָך אַלץ געהאַלטן, אַז מען דאַרף דעם שטעמפל פון יידישע ספרים אָפּגעבן אין אַרענדע אַ חברותא אָדער איינצלנע פערזאָנען אין באַזונדערע שטעט.

## די פאַראָרדענונגען וועגן יידישן ספרים־שטעמפל אין יאָר 1776.

ביזן סוף 1775, ביז וואַנען די פינאַנץ־קאָמיסיע האָט נישט לעצטגילטיק באַשלאָסן, אַז זי נעמט איבער די אַדמיניסטראַציע פון יידישן ספרים־שטעמפל, איז דאָס שטעמפלען יידישע ספרים אין לאַנד דערווײַלע געבליבן הענגען. אַקעגן איז דאָס שטעמפלען אויסלענדישע ביכער, וועלכע מען האָט אַריינגעפירט אין לאַנד, ווידער באַנייט געוואָרן אויפן יסוד פון אַ פאַראָרדענונג, דאַטירט דעם 16טן אויגוסט[35].

אין יאָר 1776 נעמט זיך די קאָמיסיע ענערגיש צום שטעמפלען די יידישע ספרים אין לאַנד. די קאָמיסיע באַפעלט דעם 29/II די אַלע באַאַמטע, וואָס האָבן אַדורכגעפירט די ציילונג פון יידישע פערזאָנען צוליבן קאָפּ־געלט, זיי זאָלן גלייך מודיע זיין די קהילות און די רבנים וועגן טאָג, ווען זיי וועלן אַראָפּקומען אויף די ערטער, כדי אָפּצושטעמפלען די יידישע ספרים[36]. די רבנים דאַרפן אונטער אַ חרם מחייב זיין אַלע יידן אָן אונטערשייד פון עלטער און פון מין צו

32 מעמאָראַנדומס צו דער פינאַנץ־קאָמיסיע נומ׳ 20, ז׳ 553, 5/XII 1775.

33 עקאָנאָמישער פּראָטאָקאָל נומ׳ 13, ז׳ 102.

34 סיים־דיאַריוש פון י. 1783.

35 עקאָנאָמישער פּראָטאָקאָל נומ׳ 12, 16/VIII 1775.

36 דאָרט, נומ׳ 13, ז׳ 102.

בּרענגען זייערע ספרים אָפּצושטעמפּלען. די באַאַמטע ווידער, אַראָפּגעקומען אויף די ערטער צום באַשטימטן טאָג, דאַרפן אָפּנעמען אַ שבועה פון רב און 2 פּרנסים בזה הלשון: „מיר האָבן אַלעמען אונטער אַ חרם לויט דער יידישער רעליגיע מחייב געווען צו בּרענגען זייערע ספרים און מיר ווייסן נישט, אַז עמעצער האָט באַהאַלטן ספרים". נאָך דער שבועה זײַנען די באַאַמטע מחוייב צונויפצושטעלן אַ רשימה פון די געבּראַכטע ספרים און לוחות, און אויך די נעמען פון די אייגנטימער פון די ספרים. דערנאָך דאַרפן זיי אָפּשטעמפּלען אַלע געבּראַכטע ספרים.

דער לעצטער פּאַראַגראַף פון דער פּאַראָרדענונג באַפעלט אַלע פינאַנץ-באַאַמטע, זיי זאָלן אומעטום נאָכזוכן נישט-געשטעמפּלטע יידישע ספרים און לוחות און וועגן זעם מודיע זײַן דער קאָמיסיע. אין פאַל ווען זיי געפינען נישט-געשטעמפּלטע ספרים, באַקומען דער רב און די 2 פּרנסים, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן אַ שבועה, האַרבּע שטראָפן: זיי מוזן צאָלן צו 500 גריוונעס און פאַרלירן דאָס כסא-הרבנות און דעם פּרנס-אַמט.

אין חודש מאַי גיט די קאָמיסיע אַרויס אַ פּאַראָרדענונג וועגן נײַע אַרײַנגעבּראַכטע ביכער[37]. אין ערשטן אוניווערסאַל נאָך פון יאָר 1775 (3/VI) זײַנען געווען אויסגערעכנט 16 צאָל-קאַמערן, ווו מען האָט געקענט אָפּשטעמפּלען די נײַע ספרים. איצט האָט די קאָמיסיע אײַנגעזען, אַז דאָס באַגרענעצן די צאָל קאַמערן האָט נישט קיין שום זין. דעריבּער זײַנען אַרויסגעשיקט געוואָרן שטעמפּלען, אָפּגעדרוקטע אויף פּאַפּיר, צו אַלע צאָל-קאַמערן[38].

אין דעם זעקס-וואָכעדיקן טערמין, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן דורך דער קאָמיסיע אויף אָפּצושטעמפּלען די יידישע ספרים אין לאַנד, איז טאַקע אַדורכגעפירט געוואָרן די ציילונג פון יידישע ספרים. די רשימות מיט נעמען פון די ספרים-אייגנטימער ווי אויך די צאָל ספרים זײַנען אַריבּערגעשיקט געוואָרן צו די צאָל-סופּעראינטענדאַנטן, וועלכע האָבן עס ווײַטער אָפּגעשיקט צו דער א"ג רעגענציע פון פּאַפּיר-שטעמפּל, וואָס אין אירע הענט איז פון דעמאָלט אָן געלעגן דאָס פאַרוואַלטן איבּער אַלע ענינים פון פּאַפּיר-שטעמפּל, שטעמפּל פון ספרים, קאַלענדאַרן און קאָרטן.

אָנהייב סעפּטעמבּער שיקט די קאָמיסיע אַרויס אַ נײַעם אוניווערסאַל[39], דאָס מאָל וועגן די אָפּצאָלן פון די ספרים-שטעמפּלען. די קאָמיסיע פאָדערט אויף אַלע רבנים און פּרנסים, זיי זאָלן גלײַך אײַנמאָנען צו 1 זילבּערנעם גראָשן פון אַ ספר און אײַנצאָלן אויף דעם אָרט, ווו יעדער קהל אָדער ישוב איז מחוייב צו צאָלן דאָס קאָפּ-געלט. דער אָפּצאָל מוז רעגולירט ווערן ביזן 15טן אָקטאָבּער צוזאַמען מיט דער סעפּטעמבּער-ראַטע פון קאָפּ-געלט.

---

[37] עקאָנאָמישער פּראָטאָקאָל נומ׳ 13, ז׳ 302.

[38] דאָרט, נומ׳ 13, ז׳ 300.

[39] דאָרט, ז׳ 472.

גלײַכצײַטיק האָט די קאָמיסיע באַשטימט געלט־מתנות פאַר יענע באַאַמטע, וועלכע האָבן אַדורכגעפירט די ציילונג פון יידישע ספרים. מיט וואָס פאַר אַ פרינציפ די קאָמיסיע האָט זיך גערעכנט בײַם באַשטימען די מתנות, איז אונדז ניט באַוווּסט. משמעות, אַז זי האָט אָנגעווענדט דעם זעלבן פרינציפ וואָס בײַ די ציילונגען אין צוזאַמענהאַנג מיטן קאָפּגעלט, וואָס דעמאָלט פלעגט מען געבן די באַאַמטע פון אַ גילדן אײַנגעמאָנטע שטײַערן איין מעשענעם גראָשן. בסך־הכל האָבן די באַאַמטע פון אַלע פראָווינצן אַחוץ דער אוקראַינישער באַקומען 2.405 גילדן מיט 11 גראָשן[40]; די באַאַמטע פון דער אוקראַינישער פראָווינץ האָבן באַקומען 1.852 גילדן[41], צוזאַמען 4.257 גילדן מיט׳ 11 גראָשן. ד״ה כמעט אַ פערטל דערפון, וואָס די באַאַמטע האָבן באַקומען פאַר אַדורכפירן אין יאָר 1778 די ציילונג פון יידן אין צוזאַמענהאַנג מיטן קאָפּגעלט, וואָס האָט דעמאָלט באַטראָפן 17.181 גילדן[42].

די באַאַמטע פון אוקראַינע האָבן באַקומען בדרך־כלל גאַנץ הויכע אויס־צאָלונגען — פון 109 ביז איבער 400 גילדן, וועלכע ס׳האָט באַקומען דער גע־נעראַל־רעוויזאָר פון דער אוקראַינער פראָווינץ האַרדעצקי (441 גילדן). אין אַנ־דערע פראָווינצן זײַנען די „מתנות״ געווען נידעריקע, דאָס רוב צו 60 גילדן פאַר אַ באַאַמטן, בלויז צוויי האָבן געהאַט איבער 200 גילדן: מאַרניצקי, דער קאָנטעררעגיסטראַנט פון דער גרויספּוילישער פראָווינץ, 210 גילדן 4½ גראָשן און גאָרטשינסקי, דער רעוויזאָר פון דער קאַמער זבאַנשין, 244 גילדן 5½ גראָשן.

בײַם אַדורכפירן די ציילונג פון יידישע ספרים האָבן די באַאַמטע משמעות נישט אָנגעטראָפן אויף קיין שום שוועריקייטן, ווײַל אין די אַקטן לייענען מיר גאָרנישט וועגן דעם.

בלויז געציילטע אָנפרעגן זײַנען אַרײַנגעקומען אין דער קאָמיסיע. דער גרויספּוילישער רעוויזאָר סטרובינסקי האָט זיך אָנגעפרעגט וועגן די אַרענדאַרן און סתם סוחרים, וועלכע געהערן נישט צו קיין שום קהילה. דערויף האָט דער סופער־אינטענדענט פון דער גרויספּוילישער פראָווינץ באַקומען אַ פאַראָרדענונג צונויפצושרײַבן אויך זייערע נעמען און אַדורכפירן בײַ זיי די ציילונג פון יידישע ספרים. די דאָזיקע רשימות זײַנען די באַאַמטע געווען מחויב איבערצושיקן צו דער רעגענץ פון פאַפּיר־שטעמפּל[43].

אַ האַרבע קשיא איז אויך געווען מיט די יידן פון ליסע. אין צוזאַמענ־האַנג מיט דער שריפה פון דער שטאָט ליסע האָט דער סיים פון יאָר 1775 אָנ־גענומען אַ געזעץ, וואָס לויט אים ווערן הן די קריסטן הן די יידן באַפרײַט פון אַלע מיני שטײַערן. סולקאָווסקי, וועלכער האָט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע

---

40 עקאָנאָמישער פּראָטאָקאָל נומ׳ 13, ז׳ 405.

41 דאָרט, ז׳ 464.

42 דאָרט, נומ׳ 15.

43 דאָרט, נומ׳ 13, ז׳ 319.

פאַראינטערעסירונג מיטן גורל פון די אײַנוווינער פון ליסע, יידן און קריסטן, האָט דעריבער אין אַ מעמאָראַנדום צו דער פינאַנץ־קאָמיסיע, דאַטירט דעם XI/23[44], פאַרלאַנגט, מען זאָל די ליסער יידן באַפרייַען פון ספרים־שטעמפל.

די פינאַנץ־קאָמיסיע האָט נישט מסכּים געווען מיט סולקאָווסקיס שטאַנד־פונקט. אין איר ענטפער[45] באַשטעטיקט זי איר פריערדיקן באַשלוס צו נעמען בייַ די ליסער יידן דעם ספרים־שטעמפל ראשית דערפאַר, ווייַל דער דאָזיקער שטייַער איז נישט קיין יערלעכער, נאָר אַן איינמאָליקער, און צווייטנס איז צו שפּעט צו מאַכן שינויים, ווייַל די הכנסה פון ליסע איז שוין אַרייַן אין סיים־בודזשעט, ממילא איז אים איצט אוממיגלעך בטל צו מאַכן.

די ליסער יידן זייַנען —פאַרשטייט זיך — שטאַרק נישט צופרידן געווען מיט דעם דאָזיקן פּסק־דין. מסתּמא איז זיי געגאַנגען נישט בלויז אין די געלטער, ווי אין דער פאַר זיי זייער וויכטיקן פּרינציפּ, אַז זיי זייַנען פרייַ פון אַלע שטייַערן. דעריבער טאַקע האָבן זיי זיך געווענדט וועגן דעם צו דער העכסטער אינסטאַנץ: צום שטענדיקן ראָט, וועלכער האָט אָבער באַשטעטיקט די החלטה פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע[46].

פון די פאַראָרדענונגען פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע פון יאָר 1776 דאַרף נאָך דערמאָנט ווערן די החלטה וועגן די שטעט, וועלכע האָבן זיך אויפן יסוד פון דעם דעמאַרקאַציע־אָפּמאַך צווישן עסטרייַך און פּוילן נאָך דער ערשטער צעטיילונג פון פּוילן אומגעקערט צו דער פּוילישער מלוכה. אין אַ דיספּאָזיציע פון XI/6 האָט די קאָמיסיע באַפוילן די באַאַמטע פון דער רייַסישער פּראָווינץ גלייַך צוצוטרעטן צו דער ציילונג פון די יידן און פון זייערע ספרים. דאָס זעלבע איז אויך באַשטימט געוואָרן וועגן די שטעט, וואָס האָבן געהערט צו דער אַ״ג זאַמאָיסקישער אָרדינאַציע, וועלכע זייַנען איצט אומגעקערט געוואָרן צו פּוילן.

פרייַנד ב. ריווקינד מאַכט מיך אויפמערקזאַם, אַז דער אָפּצאָל פון ספרים ווערט דערמאָנט אין זאב וואָלף כהן בוכנרס „צחות המליצה״ (בערלין תק״ע, ד׳ צ״ד, אגרת צ״ה): „המלך פולין נתן פקודה להציג ציוגים על הספרים גם על כלים מכלים שונים ומכל ציון ירדוף שלמונים״.

---

44 מעמאָראַנדומס צו דער פינאַנץ־קאָמיסיע, נומ׳ 18, XI/23 1776.

45 עקאָנאָמישער פּראָטאָקאָל ב׳ 13, ז׳ 638.

46 דעקרעטן פון שטענדיקן ראָט, נומ׳ 77, ז׳ 62, יאָר 1777.

# באַגרענעצונגען פאַרן אַרײַנפיר פון יידישע ספרים
# קיין פוילן סוף 18טן י״ה

זינט 1775 האָט אין פוילן עקסיסטירט אַ געזעץ וועגן אַ שטעמפּל־אָפּצאָל פאַר יידישע ספרים. אַלע ספרים, סײַ די געדרוקטע אין פוילן סײַ די אַרײַנגעפירטע פון אויסלאַנד, האָבן געמוזט אָפּגעשטעמפּלט ווערן אין די צאָל־קאַמערן, און עס האָט געמוזט אַרײַנגעטראָגן ווערן איין זילבערנער גראָשן פאַר איטלעכן ספר*. אין די יאָרן 1776 און 1780 זײַנען אַדורכגעפירט געוואָרן ציילונגען פון די יידישע ספרים אין לאַנד, כדי רעווידירן, צי דער שטעמפּל־געזעץ ווערט אָפּגעהיט. נאָכן אַדורכפירן אָט די ציילונגען האָט די פוילישע פינאַנץ־קאָמיסיע (אַזוי האָט זיך דעמאָלט גערופן דאָס פינאַנץ־מיניסטעריום) זיך מיט אַ באַזונדער ענערגיע גענומען זאָרגן פאַר באַגרעניצן דעם אַרײַנפיר פון יידישע ספרים פון אויסלאַנד. גלײַכצײַטיק ווערן געמאַכט באַדײַטיקע פּרוּוון צו שאַפן אין לאַנד דרוקערײַען, וואָס זאָלן זײַן ביכולת צו דעקן דעם באַדאַרף אין יידישע ספרים, די דאָזיקע שריט זײַנען אַ רינגעלע אין אַ גאַנצער קייט באַמיִונגען צו באַפרײַען פוילן פון דער ווירטשאַפטלעכער אָפּהענגיקייט פון אויסלאַנד און פאַרגרעסערן די אייגענע פּראָדוקציע.

פונקט ווי די פוילישע פּריצים און רײַכערע בירגער בויען דעמאָלט אויף מאָדערנע גרויס־אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, וועלכע דאַרפן אויסאַרבעטן די ביז איצט אַרײַנגעפירטע פּראָדוקטן, אַזוי פּראָפּאַגאַנדירט אויך די פוילישע פּרעסע דעם געדאַנק פון גרינדן יידישע דרוקערײַען, בכדי צו אַנטוויקלען די לאַנד־פּראָדוקציע.

דער אַזוי צו זאָגן פּראָגראַמאַטישער אַרטיקל[1] אויף דעם געביט איז אָפּגעדרוקט ווי אַ באַמערקונג צו דער רשימה פון סחורות, וואָס זײַנען אַרײַנגעבראַכט דורך דער יורבעריקער צאָל־קאַמער. צווישן אַלע סחורות געפינען זיך 6 קאַסטנס יידישע ביכער. דאָס לאָזט ניט רוען דעם רעדאַקטאָר פון דער פוילישער „האַנדלס־צײַטונג”. אין זייער אַ לאַנגן אַרטיקל באַקלאָגט ער זיך, אַז דאָס אַרײַנפירן יידישע ספרים פון אויסלאַנד איז איינע פון די סאַמע שעדלעכסטע זאַכן. ער באַווײַזט דאָס אויף אַזאַ אופן: אין פוילן זײַנען פאַראַן אַ מיליאָן יידן[2]. אַזוי ווי אַלע, יונגע און

---

[1] Dziennik Handlowy, 1787, p. 364.

[2] אנדערע מחברים גיבן אָן פון 800 ביז 900 טויזנט יידן אויף 21 מיליאָן איינוווינער.

אַלטע, און אויך פּרויען, געניייטיקן זיך יעדער יאָר לכל הפּחות אין איין ספר, קומט אויס, אַז בסך-הכּל געניייטיקן זיך די יידן אין אַ מיליאָן ספרים אַ יאָר. רעכענענדיק דורכשניטלעך אַ ספר צו 1 גילדן קומט אויס, אַז יעדער יאָר גייט אַוועק קיין אויסלאַנד 1 מיליאָן גילדן. „איז דאָס נישט אַ פעלער מצד דער מלוכה — זאָגט דער מחבר — צו דערלויבן אַרויסצופירן אַזאַ סומע פאַר אַ סחורה, וועלכע מען קען פּראָדוצירן אין לאַנד?". דער אַרטיקל ענדיקט זיך מיט צוויי פּראָיעקטן: 1) מען זאָל ווירקן אויף די קהילות, זיי זאָלן גרינדן יידישע דרוקערײַען און 2) מען זאָל העכערן דעם שטעמפּל-אָפּצאָל פאַר אויסלענדישע ספרים פון אַ זילבערנעם גראָשן אויף 1 רויטן גילדן, אַקעגן — דער שטעמפּל-אָפּצאָל פון אינלענדישע ספרים זאָל בלײַבן ווי געווען.

דער מחבר זעט שוין אין דמיון די רעזולטאַטן פון אַזאַ געזעץ: „ס'וועלן וואַקסן די דרוקערײַען, ס'וועלן זיך פאַרמערן די פּאַפּיר-פאַבריקן, וועלכע פאַרנוצן אַ סך לאַנד-מאַטעריאַלן ווי אײַזן, בלײַ א"אַ", און אַחרון, אַחרון חביב: „ס'וועט וואַקסן די צאָל פּראָפעסיאָנעל-אַקטיווע יידן", וואָרעם די וואָס זענען איצט לײַדיק-גייערס וועט מען אײַנשפּאַנען צו דער אַרבעט אין די דרוקערײַען.

אויב די געזעצגעבער זײַנען ניט געגאַנגען אַזוי ווײַט, ווי דער פּובליציסט האָט פאַרלאַנגט, האָבן זיי דאָך אַ סך געטאָן אויף צו פאַרשווערן דעם אַרײַנפיר פון אויסלענדישע ספרים, כּדי דורך דעם צו פאַרגרעסערן די צאָל אינלענדישע דרוקערײַען און שאַפן פאַר זיי גינסטיקע באַדינגונגען פון אַנטוויקלונג, אַזוי אַז זיי זאָלן זײַן ביכולת בײַצוקומען די קאָנקורענץ מיט די אויסלענדישע ספרים.

די דאָזיקע געזעצגעבערישע טעטיקייט, וואָס איז אויסן געווען צו באַשיצן די אייגענע ספרים-פּראָדוקציע, האָט שטאַרק סטימולירט דער קריסטלעכער דרוקער יאָהאַן אַנטאָן קריעגער, דער בעל-הבית פון אַ דרוקערײַ פון יידישע ספרים אין נײַ-האָף (נאָווי-דוואָר), נישט ווײַט פון וואַרשע. קריעגער, וואָס מחמת זײַן באַדײַ-טונג פאַר דעם יידישן דרוק-וועזן אין פּוילן סוף XVIIIטן י"ה וועלן מיר אים באַהאַנדלען אין אַ באַזונדער אַרטיקל, האָט דעמאָלט ממש פאַרשיט די פינאַנץ-קאָמיסיע מיט כּלערליי פּראָיעקטן, פאָרשלאָגן, תּרעומות וכדומה, און ער חזרט כּסדר איבער דעם געדאַנק, אַז די קאָמיסיע איז מחויב צו נעמען אונטער איר שוץ די לאַנד-פּראָדוקציע פון ספרים און שטערן דעם אַרײַנפיר פון אויסלענדישע ספרים. זײַן כּסדרדיק מאָנען, פאָדערן און בעטן האָט אָן אַ ספק שטאַרק משפּיע געווען אויף דער געזעצגעבערישער טעטיקייט פון דער פינאַנץ-קאָמיסיע.

שוין אין דעם פּריווילעג, וואָס דער באַקאַנטער וואַרשעווער דרוקער און בוכהענדלער די-פור (Du Four) האָט באַקומען דעם 26 יוני 1780 אויף אַ דרוקערײַ פון יידישע ספרים, איז פאָרויסגעזען, אַז אויב די דרוקערײַ וועט זײַן אין שטאַנד צו באַפרידיקן די באַדערפעענישן פון די פּוילישע יידן, וועט מען פאַרווערן אַרײַנ-צוברענגען פון אויסלאַנד יידישע ספרים אונטער אַ שטראָף פון קאָנפיסקירן די דאָזיקע ספרים און אַ קנס פון 2000 רויטע גילדן. קריעגער, וואָס אים האָט די-פור אָפּגעטראָטן דאָס רעכט צו גרינדן אַ יידישע דרוקערײַ, דערציילט דאָס אין

אַ מעמאָראַנדום[3] צו דער פינאַנץ-קאָמיסיע. איך בין שטאַרק מסופק צי דאַרף דער פריווילעג פאַרשטאַנען ווערן ווערטלעך. מסתּמא האָט מען דערמיט געמיינט, אַז די ספרים, וועלכע קריעגער וועט דרוקן, וועט מען נישט טאָרן באַציען פון אויסלאַנד. אַזוי צי אַזוי, פון דעם פריווילעג דרינגט קלאָר אַרויס די כּוונה צו באַשיצן די נײַ-געגרינדעטע דרוקערײַ פון יידישע ספרים.

קריעגערן איז גוט באַקאַנט געווען די אַלגעמיינע ליניע פון דער פינאַנץ-קאָמיסיע און אין זײַנע ווײַטערדיקע מעמאָראַנדומס נוצט ער עס אויס פאַר די צילן פון זײַן דרוקערײַ. אין יאָר 1782[4] בעט ער די קאָמיסיע, זי זאָל אים געבן די בכורה איבער די אויסלענדישע דרוקערײַען. ער בעט, אַז די קאָמיסיע זאָל די בײַ אים געדרוקטע ספרים באַפרײַען פון שטעמפּל-אָפּצאָל און אַזוי אַרום מאַכן אים קאָנקורענצפעיִקער לגבי די אויסלענדישע ספרים.

געפועלט האָט דאָס קריעגער מיט אַ 2 יאָר שפּעטער, בעת ער האָט געהאַט בדעה אַרויסצוגעבן דעם תּלמוד אין זײַן נאָווידוואָרער דרוקערײַ. די פינאַנץ-קאָמיסיע האָט דעמאָלט אַרויסגעשיקט אַ צירקולאַר-בריוו[5] צו אַלע סופּעראינטענדענטן מיט דער אויפפאָדערונג צו שטיצן קריעגערס פּראָיעקט און „באַוועגן די קהילות מיט די פײַנסטע מיטלען", זיי זאָלן זיך חתמענען ווי פּרענומעראַנטן אויפן תּלמוד. אַ פּאָר מאָל שטרײַכט די קאָמיסיע אונטער, וואָס פאַר אַ באַדײַטונג דאָס קען האָבן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער לאַנד-פּראָדוקציע.

באַלד אָבער קומען אויך אַדמיניסטראַטיווע אַקטן אין דער ריכטונג מיט אַ ברייטערן פאַרנעם. דעם 31 יולי 1784[6] דערשײַנט אַן אוניווערסאַל וועגן דעם שטעמפּלען ספרים אין די גרענעץ-קאַמערן. די קאָמיסיע באַקלאָגט זיך דערויף, וואָס די קאַמערן ווייסן נישט ווי אַזוי צו שטעמפּלען די ספרים, קאַלענדאַרן און שפּיל-קאָרטן, און ס'איז לײַכט דעריבער נאָכצומאַכן די שטעמפּלען. כּדי דאָס צו פאַרמײַדן, ווערט די צאָל קאַמערן, ווו מען וועט קענען די ספרים שטעמפּלען, באַגרענעצט אויף עטלעכע וויכטיקע שטעט, דהײַנו: אין דער גרויספּוילישער פּראָווינץ — פּויזן און קאָליש (אין צירקולאַר פון יאָר 1778[7] איז נאָך געווען די שטאָט ליסע), אין קראָקעווער פּראָווינץ — קראָקע און צויזמער (אין י' 1778 נאָך פּאָטשעסנע), אין דער מאַזאָווישער פּראָווינץ — וואַרשע און מלאַווע (אין י' 1778 נאָך דיבאָוו), אַחוץ דעם — נײַ-האָף מחמת דער דרוקערײַ פון יידישע ספרים און לוחות, אין דער רײַסישער פּראָווינץ — קרעמענעץ און קאַמענעץ-פּאָדאָל' (אָנשטאָט קרעמענעץ איז אין י' 1778 געווען ראַדזיווילאָוו), אין דער אוקרײַנישער פּראָווינץ — טשודנאָוו און באַרדיטשעוו (אין י' 1778 די זעלבע). אַחוץ דעם וואָס עס ווערט

[3] Memorjały do Komisji Skarbu Koronnego Nr. 24, 3/VII 1781.

[4] מעמאָראַנדומס נ"ר 25, ז' 236, י' 1782 28/X.

[5] Protokoł ekonomiczny Komisij Skarbu Koronnego Nr. 21, p. 353, 3/VII 1784. (פינאַנץ-אַרכיוו, וואַרשע).

[6] עקאָנ' פּראָטאָקאָל נ"ר 21, ז' 351, י' 1784 31/VII.

[7] עקאָנ' פּראָטאָקאָל נ"ר 22, ז' 338, י' 1778 19/XII.

פֿאַרקלענערט די צאָל גרענעץ־קאַמערן, וועלכע האָבן רעכט צו שטעמפּלען ספֿרים, פֿאָדערט דער אוניווערסאַל פֿון די שרײַבער, זיי זאָלן אַליין בײַזײַן בײַם שטעמפּלען, כּדי אויסצומײַדן כּלערליי פֿאַלשקייטן. כּדי נישט צו דערלאָזן צו פֿאַלשקייטן, וועלכע זענען דעמאָלט שטאַרק אָנגעגאַנגען, — דהײַנו, מען פֿלעגט עטלעכע עקזעמפּלאַרן ספֿרים אָדער לוחות אין רויען צושטאַנד אָפּשטעמפּלען ווי איין עקזעמפּלאַר, — וועט די קאָמיסיע באַשטימען געשוווירענע, וואָס באַהערשן די יידישע שפּראַך, אַכטונג צו געבן, אַז אַלץ זאָל צוגיין כּדין.

די צאָל גרענעץ־קאַמערן, ווו עס ווערן געשטעמפּלט די ספֿרים, איז לויט אָט דעם צירקולאַר פֿאַרקלענערט געוואָרן פֿון 13 אויף 10. דער מאָטיוו איז כּלומרשט אַ ריין טעכנישער, דער דוחק אין פֿאַרב און אַנדערע טעכנישע מיטלען. ס׳איז אָבער קלאָר, אַז דערמיט איז די פֿינאַנץ־קאָמיסיע אויסן געווען עפּעס גאַנץ אַנדערש: צו באַשווערן דעם אַרײַנפֿיר פֿון אויסלענדישע ספֿרים.

אַ יאָר שפּעטער גיט די קאָמיסיע אַרויס אַן אוניווערסאַל[8] (איך האָב אָט דעם אוניווערסאַל אין פֿינאַנץ־אַרכיוו נישט געקענט געפֿינען), וואָס איז פּונקט ווי דער פֿריערדיקער אויסן געווען צו פֿאַרקלענערן דעם אַרײַנפֿיר פֿון אויסלענדישע ספֿרים. דער דזיענניק האַנדלאָווי ברענגט טאַקע די ידיעה וועגן דעם דאָזיקן צירקולאַר און וועגן דעם צירקולאַר פֿון 29 מאַי 1787 ווי אַזעלכע, וואָס באַגרענעצן דעם אַרײַנפֿיר פֿון ספֿרים. דער אוניווערסאַל האָט די צאָל גרענעץ־קאַמערן מיט שטעמפּל־רעכט באַגרענעצט פֿון 10 אויף 5 ווײַטערדיקע: ווארשע, כעלמעק, לובלין, קרעמענעץ און טשודנאָוו[9].

אין דעם זעלביקן נומער ווערט אויך געבראַכט אַן אויסצוג פֿון דעם באַריכט, וואָס דער באַקאַנטער פּוילישער מלוכה־מאַן טשאַצקי האָט אָפּגעגעבן וועגן דעם האַנדל מיט גאַליציע. אויך ער האָט באַרירט די פֿראַגע וועגן ספֿרים־אַרײַנפֿיר פֿון גאַליציע. טשאַצקי האַלט, אַז מען דאַרף דעם גרענעץ־פּונקט, וואָס האָט שטעמפּל־רעכט, אַריבערטראָגן פֿון קרעמענעץ ערגעץ ווײַטער, מחמת קרעמענעץ געפֿינט זיך צו נאָענט צו גאַליציע, און דעריבער האָבן די מוכר־ספֿרימניקעס קיין שום מניעות נישט בײַם אַרײַנפֿירן ספֿרים פֿון גאַליציע קיין פּוילן. די קאָרעצער דרוקערײַ, וועלכע פֿילט צום מיינסט די קאָנקורענץ פֿון די גאַליצישע ספֿרים, האָט אים געבעטן, אַז מען זאָל דעם גרענעץ־פּונקט מיט שטעמפּל־רעכט אַריבערטראָגן ווײַטער, כּדי דעם סוחר זאָל זיך צוליב די שטעמפּלען נישט גלוסטן צו לאָזן זיך אין אַזאַ ווײַטן וועג, און דאָס וועט ממילא פֿאַרקלענערן דעם ספֿרים־אַרײַנפֿיר. טשאַצקי האַלט די דאָזיקע פֿראַגע פֿאַר פֿולקום באַרעכטיקט און שלאָגט פֿאָר אַריבערצוטראָגן דעם גרענעץ־פּונקט פֿון קרעמענעץ קיין זשוואַניעץ (אויף פּאָדאָליע). די בקשה פֿון דער קאָרעצער דרוקערײַ איז טאַקע אין אַ יאָר אַרום דערפֿילט געוואָרן: „כּדי צו

---

[8] דזיענניק האַנדלאָווי, י׳ 1788, ז׳ 586.

[9] מעמאָראַנדומס צו דער פֿינאַנץ־קאָמיסיע פֿון דער קרוין נ״ר 35, ז׳ 2.

באַגרענעצן אַ גרעסערן אַרײַנפיר פון ספרים״, האָט די קאָמיסיע באַשלאָסן אַריבער־צוטראָגן דעם גרענעץ־פונקט פון קרעמענעץ קיין זשוואַניעץ[10].

די אוניווערסאַלן פון יאָרן 1785 און 1787 זײַנען אָבער פאַר אַ טייל פונקטן אויסגעקומען לרעה, למשל די פּאָדליאַשער קהילות[11], וועלכע האָבן זייערע ספרים באַצויגן פון ליטע, בפרט פון דער שקלאָווער דרוקערײַ, זײַנען אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין אַ שווערן מצב. ס׳איז זיי אויסגעקומען צו לייגן גרויסע הוצאות אויף אָנצוקומען צו אַ גרענעץ־פונקט מיט שטעמפּל־רעכט. די פינאַנץ־קאָמיסיע האָט אײַנגעזען, אַז די מאָטיוון פון די דאָזיקע יידן זײַנען גערעכטע, — בפרט אַז זיי האָבן דאָך באַצויגן ספרים נישט פון אויסלאַנד נײַערט פון ליטע. דעריבער טאַקע האָט זי באַשלאָסן צו שאַפן אַ נײַעם שטעמפּל־פונקט אין בילסק[12].

דער „דזיענניק האַנדלאָווי״, וועלכער איז געווען גוט באַקאַנט מיט דער רעגירונגס־פּאָליטיק לגבי די יידישע ספרים, דרוקט איבער די ידיעה וועגן באַשטימען אין בילסק אַ שטעמפּל־פונקט און דריקט אויס זײַן צופרידנקייט מיט דער דאָזיקער פּאָליטיק, וועלכע איז גורם, אַז „יידן וועלן נוצלעכער פאַרן לאַנד דורך גרינדן זייערע דרוקערײַען״[13].

„אַ שטעקן האָט צוויי עקן״ — זאָגט אַ ווערטל. די אוניווערסאַלן פון 1785 און 1787 האָבן אָבער געהאַט אויך נעגאַטיווע זײַטן פאַר די דרוקערײַען, וואָס לטובת זיי זײַנען זיי אַרויסגעגעבן געוואָרן. אָט למשל קלאָגט זיך די דרוקערײַ אין קאָרעץ, אַז זי מוז ווײַט פאָרן צו שטעמפּלען ספרים. זי בעט דעריבער, אַז די באַאַמטע פון קאָרעצער טאַבאַק־מאַגאַזין זאָלן באַקומען דאָס רעכט צו שטעמפּלען. די קאָמיסיע האָט דערויף מסכים געווען[14]. די קאָמיסיע איז אויך אַנטקעגנגעקומען דער בקשה פון דער פּאָריצקער דרוקערײַ, וועלכע האָט געאַרבעט פאַר ליטע. זי האָט דערלויבט דער גרענעץ־קאַמער מילאָטין צו שטעמפּלען די פּאָריצקער ספרים, אָבער בלויז פון דער דאָזיקער דרוקערײַ[15]. וואָס פאַראַ ענטפער ס׳האָט באַקומען דער אייגנטימער פון דער ראַדזיווילאָווער[16] דרוקערײַ פון יידישע ספרים מיאָנטשינסקי, וועלכער האָט אויך געבעטן די קאָמיסיע, אַז די דאָרטיקע קאַמער זאָל האָבן רעכט צו שטעמפּלען די דאָרט געדרוקטע ספרים, איז מיר אומבאַקאַנט. איך בין אָבער זיכער, אַז דער ענטפער איז פונקט ווי די פריערדיקע מסתמא געווען אַ פּאָזיטיווער.

אַ סך צרות האָבן די לעצטע צוויי אוניווערסאַלן אָנגעטאָן די יידישע מוכר־

---

10 עקאָנ׳ פּראָטאָקאָל נ״ר 25, ז׳ 149.

11 מעמאָראַנדומס, נ״ר 35, ז׳ 2, 11/I 1788.

12 Bielsk-Podlaski—עקאָנ׳ פּראָטאָקאָל, נ״ר 25, ז׳ 9.

13 דזיענ׳ האַנדל׳, 1788, ז׳ 250.

14 עקאָנ׳ פּראָטאָקאָל נ״ר 22, ז׳ 138, י׳ 9/IV 1785.

15 מעמאָראַנדומס נ״ר 34, ז׳ 29, 25/I 1787; עקאָנ׳ פּראָטאָקאָל נ״ר 28, ז׳ 351, י׳ 1791.

16 מעמאָראַנדומס נ״ר 36, ז׳ 24, 24/I 1788.

ספרימניקעס, בפרט פרעמדע. וואָס זײַנען נישט געווען באַהאַוונט אין דער פּוילישער געזעצגעבונג, וואָס האָט געהאַט אַ נטיה צו בײַטן זיך פון טאָג צו טאָג.

גרויסע צרות האָט געהאַט אויסצושטיין יצחק בן יוסף פון שאַריגראָד. צוויי יאָר האָט ער געזוכט פרנסה אין פרעמדע לענדער. אַז ער האָט זיך שוין געקליבן אַהיים, האָט ער אין ברעסלע געקויפט 450 יידישע ספרים. לויט ווי מען האָט אים אינפאָרמירט אין ברעסלע, ווערן יידישע ספרים געשטעמפּלט אין קאָליש. איז ער דעריבער אַהין געפאָרן, דאָ אָבער זיצט ער שוין 13 וואָכן און וואַרט אַלץ, מען זאָל אים אָפּשטעמפּלען די ספרים. קאָליש קען דאָס אָבער נישט טאָן, ווײַל דער לעצטער אוניווערסאַל דערמאָנט נישט קאָליש ווי אַ שטעמפּל-פונקט[17]. דער סוף איז געווען, אַז אין קאָליש האָט מען אים געשטעמפּלט די ספרים, אָבער פאַר אַ טאָפּלטן אָפּצאָל[18].

אַן ענלעכע מעשה האָט געטראָפן מיט מיכאל שאַכנאָוויטש פון דער ליטווישער שטאָט שעלץ. צווישן אַנדערע סחורות, אײַנגעקויפטע אויפן פראַנקפורטער יריד, האָט ער אויך מיטגענומען 247 ספרים. אין בענדין האָט מען אים ניט געוואָלט אָפּשטעמפּלען די ספרים און אָפּגעשיקט קיין קאָליש. הגם ער האָט געפירט די ספרים קיין ליטע, ווו ס'איז נישט געווען קיין שטעמפּל-פליכט, האָט ער בלית ברירה געמוזט פאָרן קיין קאָליש. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אויך די דאָזיקע קאַמער האָט נישט קיין שטעמפּל-רעכט; האָט מען... די ספרים קאָנפיסקירט[19].

נאָך מער פאַרדרייעניש און היזקות האָט געהאַט אַ ייד אין צוויזמער. דער ווײַטער באַשריבענער פאַקט באַווײַזט, אַז אין די פינאַנץ-קאַמערן האָט געהערשט אַ היפּשע אומאָרדענונג: מען קען באמת זאָגן, אַז „די לינקע האַנט האָט נישט געוווּסט, וואָס עס טוט די רעכטע". חיים בן יצחק פון גריידעק (אין גאַליציע)[20] האָט אין דער לעמבערגער דרוקערײַ אײַנגעקויפט 627 ספרים. ער איז מיט זיי געקומען צו דער צוויזמירער קאַמער און דאָ אָפּגעשטעמפּלט 260 ספרים; נישט האָבנדיק קיין געלט אויף צו פאַרצאָלן און אָפּצושטעמפּלען דעם רעשט ספרים, האָט ער זיי דאָרט איבערגעלאָזט און מיט די 260 אָפּגעשטעמפּלטע ספרים איז ער אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע. דאָ האָט מען אומגעריכט בײַ אים צוגענומען די אָפּגע-שטעמפּלטע ספרים, ווײַל... לויטן אוניווערסאַל פון י' 1787 האָט צוויזמער נישט קיין רעכט צו שטעמפּלען ספרים. מיט רעכט פרעגט חיים בן יצחק אין זײַן קלאָג-שריפט צו דער פינאַנץ-קאָמיסיע: צי איז עס מײַן שולד, וואָס איך אַן אויסלענדישער מענטש, וואָס איז צום ערשטן מאָל אַהער געקומען, האָב נישט געוווּסט וועגן דער פאַראָרדענונג פון דער קאָמיסיע, בעת עס ווייסט נישט וועגן דעם אַפילו דער שרײַבער פון דער צוויזמערער קאַמער, וועלכער האָט זיך אויף יעדער ספר אונטערגעשריבן

[17] מעמאָראַנדומס נ"ר 31, ז' 238, 1786

[18] עקאָנ' פּראָטאָקאָל, נ"ר 23, ז' 528.

[19] מעמאָראַנדומס נ"ר 31, ז' 182, 1786 5/VIII.

[20] מעמאָראַנדומס נ"ר 35, ז' 252, 1788 13/IX.

און זיי אַלע אָפּגעשטעמפּלט?״. דער פּסק-דין פון דער פינאַנץ-קאָמיסיע איז באמת ווערט פאַרצייכנט צו ווערן. די רעזאָלוציע זאָגט, אַז אַזוי ווי חיים בן יצחק איז געפאָרן מיט די ספרים דורך נישט געהעריקע קאַמערן, דאַרף ער באַצאָלן אַ טאָפּעלן שטעמפּל-אָפּצאָל[21]. דער צויזמערער שרייַבער האָט באַקומען אַ פאָראוורף, פאַרוואָס ער האָט די ספרים נישט קאָנפיסקירט.

אַ גרויסן היזק האָט געהאַט ישראל בלאָער, וועלכער האָט געפירט ספרים, וואָס האָבן אויך געהערט צו עפּעס אַ גרייַדיקער ייד. אויף דער צאָל-קאַמער אין ראַדזיווילאָוו האָט מען אים דערקלערט, אַז זיי האָבן נישט קיין שטעמפּל אויף ספרים. בלית ברירה האָט ער די ספרים, וועלכע זייַנען ווערט געווען 80 רויטע גילדן, איבערגעלאָזט אין דער גרענעץ-קאַמער. אויפן וועג צוריק איז ער געקומען אויף דער גרענעץ מאָנען זייַנע ספרים, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי זייַנען ניטאָ, ווייַל... זיי זייַנען פאַרקויפט געוואָרן אויף אַ ליציטאַציע[22].

אַן ענלעכע מעשה האָט פּאַסירט מיט אהרון בן יוסף פון סאָכאַטשעוו[23]. „וועלנדיק אויפהאַלטן זייַן לעבן און דאָס לעבן פון זייַנע עלנטע קינדער״, האָט ער געקויפט בייַ אַ ייד אין סטריקאָוו 121 ספרים, כדי זיי אָפּצושטעמפּלען אין לענטשיץ. ער איז אָבער נישט דערפאָרן קיין לענטשיץ. אויפן וועג האָט אים געטראָפן אַ צאָל-וועכטער און צוגענומען בייַ אים די ספרים, מחמת לענטשיץ האָט נישט קיין שטעמפּל-רעכט.

אומשולדיק האָט יצחק וואָלאָוויטש פון מעזריטש[24] פאַרלוירן זייַנע ספרים: אויפן באַרימטן ליטווישן יריד אין זעלווע האָט ער אייַנגעקויפט ספרים, שקלאָווער דרוקן. אין מעזריטש האָט מען זיי אָבער בייַ אים קאָנפיסקירט איבער דעם זעלבן טעם, וואָס אין די פריערדיקע פאַלן. דאָס זעלבע איז אויך געשען אין מעזריטש מיט שמואל מאַיאָראָוויטש, וואָס בייַ אים האָט מען צוגענומען 12 אויסלענדישע ספרים[25].

ניט תמיד איז דער באַשלוס פון דער קאָמיסיע אַרויסצוזען פון די אַרכיוו-דאָקומענטן. אויב אָבער לויט די געבראַכטע פאַלן איז לייַכט זיך משער צו זייַן, אַז דער באַשלוס איז געווען לרוב אַ נעגאַטיווער, וואָלט באמת געווען טשיקאַווע צו וויסן, ווי אַזוי די פינאַנץ-קאָמיסיע האָט געענטפערט אויף ישראל בן יצחקס[26] מעמאָראַנדום, וואָס איז מסתמא אָנגעגעבן געוואָרן נאָכן יאָר 1785. ישראל, אַ ייד פון קראָקע, איז ספּעציעל געפאָרן קיין פרייַסן, אין דער שטאָט קיניגסבערג, כדי צו קויפן „ספרים, אַזעלכע, וואָס זייַנען אין פּוילן נישטאָ״. דאָרט האָט ער געקויפט

[21] עקאָנ׳ פּראָטאָקאָל נ״ר 25, ז׳ 613, 1788 23/X.

[22] מעמאָראַנדומס נ״ר 38, ז׳ 68, 1791 1/VIII.

[23] מעמאָראַנדומס נ״ר 39, י׳ 1791.

[24] מעמאָראַנדומס נ״ר 44, י׳ 1786 (?).

[25] מעמאָראַנדומס נ״ר 36, ז׳ 404, 1789 5/IX.

[26] דאָרט נ״ר 44, ז׳ 180-181.

„עטלעכע נײַע ספרים פון דעם באַרימטן מחבר מענדל בן משה [! געמיינט — מענדעלסאָן] איבערגעזעצט פון לשון-קודש, פון דײַטש אויף יידיש". אויף דער פוילישער גרענעץ אין דעם שטעטל כאָרזשעל האָט מען זיי בײַ אים צוגענומען, הגם ער האָט גלײַך געוואָלט באַצאָלן שטעמפּל-געלט. „ער בוקט זיך צו די באַרעמ-האַרציקע פּיס" פון די אדונים און „בעטלט" מען זאָל אים די ספרים אומקערן, בפרט אַז די דאָזיקע ספרים זײַנען נייטיק און נוציק נישט נאָר פאַר יידן, נײַערט אויך פאַר פּאָליאַקן".

ס'וואָלט געווען באמת טשיקאַווע צו וויסן, ווי אַזוי די קאָמיסיע האָט רעאַגירט אויף דעם וואַרעמען רוף פון קראָקעווער משכּיל, וועלכער איז ספּעציעל געפאָרן קיין פּרײַסן נאָך מענדעלסאָנס באַרימטער ביבל-איבערזעצונג. די ווערטער פון ישראלן, אַז די ספרים וועלן צונוץ קומען אויך פּאָליאַקן, זײַנען נישט געווען קיין פּוסטע פראַזע. פון פּרעסע-שטימען, פון דעם וואָס מענדעלסאָנס אָפּהאַנדלונגען זײַנען איבערגעזעצט געוואָרן פון דײַטש אין פּויליש, קען מען קלאָר זען, אַז צווישן פּאָליאַקן האָט זיך שוין בײַם סוף XVIIIטן יאָרהונדערט געפונען אַ קליינע גרופּע אינטעליגענטן, וועלכע האָבן זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט מענדעלסאָנס ליטעראַרישער שאַפונג און מיט דער באַוועגונג, וועלכע זי האָט אַרויסגערופן צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. די דאָזיקע פאַראינטערעסירונג האָט איבעריקנס געהאַט אויך פּראַקטישע צילן. אויפגעקלערטע פוילישע מלוכה-מענער האָבן שטענדיק פאַר-גליכן דעם נידעריקן קולטור-מצב פון די פוילישע יידן מיט דער הויכער קולטור-מדרגה פון די דײַטשע יידן, וואָס זיי פלעגן דאָס באַטראַכטן ווי מענדעלסאָנס אַן אויפטו.

די שטרענגע באַציִונג צו אויסלענדישע יידישע ספרים האָט זיך נישט געביטן, ווען דער מוכר-ספרימניק איז געווען אַפילו אַ קריסט, און דערצו אַזאַ באַקאַנטער, גרויסער בוכהענדלער ווי דער וואַרשעווער גרעלל (Gröll). ער האָט אין יאָר 1788[27] אַראָפּגעבראַכט פון אויסלאַנד אַ גרויסן טראַנספּאָרט יידישע ספרים פאַר זיך אָדער אפשר פאַר אַ יידישן מוכר-ספרימניק, אָבער ער האָט אויסגעמיטן די געהעריקע צאָל-קאַמערן און געוואָלט די ספרים אָפּשטעמפּלען ערשט אין וואַרשע. פאַר עובר זײַן די תקנה פון יאָר 1787 האָט מען די ספרים פאַרקויפט אויף אַ ליציטאַציע און דאָס געלט — 432 גילדן — איבערגעגעבן אין מלוכה-קאַסע.

נאָר ווי אַ יוצא מן הכּלל באַגעגענען מיר אַ מילדערע באַציִונג פון דער פינאַנץ-קאָמיסיע צו געליטענע. אין גאָר זעלטענע פאַלן נעמט די קאָמיסיע אָן די מאָטיוון פון די וואָס האָבן עובר געווען אויפן געזעץ, בפרט ווען דאָס זײַנען אָרעמעלײַט.

אַזאַ מזל האָט געהאַט זלמן בן לייבקע פון דער גאַליצישער שטאָט טאַרנאָגראָד[28]. ווען ס'האָט אים אָנגעהויבן צו גיין שלעכט, האָט ער זיך געלאָזט אין ווײַטע לענדער נאָך פּרנסה. ער איז אָנגעקומען קײַן „אַבסטאַרדאַם" [! אַמסטערדאַם] און

[27] עקאָנ' פּראָטאָקאָל נ"ר 25, ז' 305, י' 1788.

[28] מעמאָראַנדומס נ"ר 35, ז' 387, י' 1788 9/XII.

דאָרט פאַרבראַכט 10 יאָר. „פון זײַן עלנטער פרנסה" האָט ער צונויפגעקליבן אַ ביסל געלט און אָנגעקויפט דערפאַר יידישע ספרים. היות אָבער ווי ער האָט נישט געהאַט קיין געלט פאַר אַלע ספרים, האָט מען די ספרים „דורך קאָרעספּאָנדענץ" איבערגעשיקט צום באַקאַנטן וואַרשעווער באַנקיר בלאַנק און אים האָט ער געזאָלט אָפּצאָלן 38 רויטע גילדן און אַרויסבאַקומען זײַנע ספרים. איצט בעט זלמן די קאָמיסיע רחמים, זי זאָל זײַנע ספרים אָפּשטעמפּלען און אַזוי אַרום מיגלעך מאַכן אים אָפּצוצאָלן בלאַנקן דעם חוב. זלמן זאָגט צו, אַז אין פאַל פון אַ פּאָזיטיוון ענטפער „וועט ער אַ גאַנץ לעבן מיטן ווײַב און קינדער מתפלל זײַן צום רבונו של עולם" פאַר דער קאָמיסיע. די פינאַנץ־קאָמיסיע[29] איז אַנטקעגנגעקומען זלמנס בקשה, מסתמא צוליב בלאַנקן, און אפשר טאַקע דערפאַר, וואָס זלמן, זײַענדיק 10 יאָר אין אַמסטערדאַם, האָט נישט געקאָנט וויסן וועגן די נײַע געזעצן. די קאָמיסיע האָט באַפוילן אַ יידיש־קענער פעסטצושטעלן וויפיל ספרים זײַנען פאַראַן, נעמען פון אַיעדן אַ זילבערנעם גראָשן און אָפּשיקן די ספרים קיין לובלין, ווי ס'האָט זיך געפונען דער נאָענטסטער שטעמפּל־פונקט.

די טרויעריקע דערפאַרונג האָט אָנגעלערנט די פוילישע יידן, אַז מען דאַרף זײַן שטאַרק אָפּגעהיט מיטן אַרײַנברענגען ספרים פון אויסלאַנד. אַ בראָדער ייד מאָשקאָ בן בנימין[30] האָט חתונה געהאַט מיט אַ וואַרשעווער יידישער פרוי און געוואָלט זיך דאָ באַזעצן און אַראָפּברענגען אַהער זײַן ביבליאָטעק. די גרענעץ־קאַמער אין ראַדזיווילאָוו וויל אָבער נישט אַדורכלאָזן די ספרים, הגם מאָשקאָ באַווײַזט אַ גאַראַנטיע פונעם וואַרשעווער באַנקיר בלאַנק, אַז די ספרים זײַנען באַשטימט פאַרן אייגענעם באַנוץ און נישט פאַרן פאַרקויף. משה האָט פונקט ווי זלמן געהאַט גרויס מזל, ווײַל אָנשטאָט צוצונעמען בײַ אים די ספרים, האָט די קאָמיסיע באַשלאָסן, אַז ראַדזיווילאָוו זאָל די ספרים אַדורכלאָזן, נעמען צו אַ זילבערנעם גראָשן פון אַ ספר און אָפּשיקן די ספרים צום אָפּשטעמפּלען קיין קרעמענעץ.

די צוויי געבראַכטע פאַקטן פון מילדער באַציִונג זײַנען טאַקע נישט מער ווי אויסנאַמען, וואָס ווערן דערטרונקען אין דעם ים פון עוולות, וועלכע די אוני־ווערסאַלן פון די יאָרן 1785 און 1787 האָבן אָפּגעטאָן די יידישע מוכר־ספרימניקעס פון פוילן און פון אויסלאַנד. זייער ריכטיק האָט איינער פון די וויכטיקסטע באַאַמטע פון שטעמפּל־שטײַער מראָטשקעוויטש[31] געשריבן צו דער שטעמפּל־רעגענציע: „איבער דעם באַגרענעצן די צאָל־קאַמערן איז דער אַרײַנפיר פון יידישע ספרים פון אויסלאַנד שטאַרק געפאַלן. די פינאַנץ־קאָמיסיע האָט מחמת דעם זייער אַ סך אַרבעט, און די וואָס ברענגען אַרײַן ספרים האָבן גרויס טירחה". גאַנץ לאָגיש פאַרלאַנגט ער דעריבער: די פינאַנץ־קאָמיסיע זאָל אָדער לײַכטער מאַכן דעם אימפּאָרט, אָדער אינגאַנצן אים פאַרווערן.

---

29 עקאָנ' פּראָטאָקאָל נ"ר 25, ז' 692, 1788 9/XII.

30 מעמאָראַנדומס נ"ר 38, 1791 5/IX.

31 ראַפּאָרטן פון דער שטעמפּל־רעגענציע נ"ר 35, ז' 20.

די פּאָליטיק פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע בנוגע דעם אַרײַנפיר פון יידישע ספרים איז באמת ניט פאַרשטענדלעך. מסתּמא זײַנען געווען וויכטיקע טעמים, וואָס האָבן געצוווּנגען נישט צו שליסן די גרענעצן פאַר דעם אַרײַנפיר פון יידישע ספרים. קודם־כּל איז מיגלעך, אַז די פינאַנץ־קאָמיסיע האָט זיך אָפּגעגעבן אַ דין־וחשבון, אַז פּוילן איז דאָך נישט ביכולת צו באַפרידיקן די ספרים־באַדערפעּנישן פון דער יידישער באַפעלקערונג.

איך בין נישט גענוג באַקאַנט מיט דער ספרים־פּראָדוקציע פון די פּוילישע דרוקערײַען אין יענע צײַטן, נאָר ס׳איז זיכער, אַז פּוילן איז נאָך דעמאָלט געווען אָנגעוויזן אויף דעם אויסלענדישן אימפּאָרט. עס איז גענוג דאָ צו דערמאָנען, אַז קיין שום יידישע דרוקערײַ אין פּוילן האָט זיך דעמאָלט נישט אונטערגענומען אַרויסצוגעבן דעם תּלמוד, און מען האָט אים ווי פריער געמוזט ברענגען פון אויסלאַנד.

אָן שום ספק האָבן דאָ אויך געשפּילט אַ געוויסע ראָלע פּ אָ ל י ט י ש ע טעמים. פּוילן האָט נישט געוואָלט אײַנרײַסן מיט די שכנים, בפרט מיט עסטרײַך. דאָס שליסן די גרענעצן פאַר די יידישע ספרים וואָלט זיכער אַרויסגערופן אַ דיפּלאָמאַטישן סיכסוך, און דערצו האָט דאָס דעמאָלטיקע פּאָליטיש־שוואַכע פּוילן נישט געוואָלט דערלאָזן. דאָס זײַנען—לויט מײַן מיינונג—די סיבּות, וואָס האָבן גורם געווען צו אַ פּאָליטיק פון כּסדרדיקע וואַקלענישן.

# די ציילונג פון די יידישע ספרים אין פוילן אין יאָר 1776

## די פראָצעדור פון דער ציילונג.

אין פֿריערדיקן קאַפּיטל האָב איך דערציילט, ווי אַזוי די פּוילישע פינאַנץ=קאָמיסיע (פינאַנץ=מיניסטעריום) האָט באַשטימט, צוליב דורכפירן דאָס גאַנצע פון שטעמפל=אָפּצאָל פאַר יידישע ספרים, צו מאַכן אין גאַנצן לאַנד אַ ציילונג פון די ספרים, וואָס געפינען זיך ביי יידן, און אַרויפקלעפּן אויף זיי אַ שטעמפּל.

אויפן יסוד פון כלערליי דאָקומענטן, וואָס געפינען זיך אין וואַרשעווער פינאַנץ=אַרכיוו, האָב איך געהאַט די מיגלעכקייט פעסטצושטעלן, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען די ספרים=ציילונג אין דער פראַקטיק. אין הסכם מיט די אוניווערסאַלן פלעגן אין באַשטימטע טעג אַראָפּפאָרן אין די שטעט פינאַנץ=באַאַמטע. די יידישע באַפעלקערונג איז געווען מחוייב צו ברענגען צום באַשטימטן טאָג די ספרים צום אָפּשטעמפּלען. די צונויפגעשטעלטע רשימות האָבן אונטערגעשריבן דער רב און 2 פרנסים אויף יידיש. בלויז אין גרויספוילן אין דער שטאָט פרוישטאַט, ווו ס'האָט שוין דעמאָלט געווירקט די קולטורעלע השפעה פון דייטשלאַנד, שרייבט זיך דער רב אונטער אויף דייטש: Israel Selig Rabiner in Fraustat, גלייכצייטיק אָבער אויך אין העברעיש[1]. אין קהילות ווו קיין רב איז נישט געווען שרייבט אונטער דער דיין, גערופן אויף פּויליש: פּאָדראַבין (אונטער=רב) צוזאַמען מיט די פרנסים. אַמאָל ווידער שרייבן אונטער דער רב, 2 פרנסים און דער שמש. ביי די לויצקער קראים שרייבט זיך אונטער דער חזן: Icko kantor מיט נאָך צוויי יידן צאַלקאָ און שמואל מאָשקאָוויטש[2]. אין וואַרשע שרייבט זיך אונטער דער סינדיק, ווייל קיין קהילה לויטן מוסטער פון אַנדערע שטעט האָט דאָרט נישט געטאָרט זיין.

---

[1] סומאַריוש (סך=הכל) פון דער שטעמפל=הכנסה, פון דער ספרים=לוסטראַציע, XXII (פינאַנץ=אַרכיוו—וואַרשע).

די השפעה פון דער דייטשער שפּראַך אויף די גרויספּוילישע יידן איז אויך קענטיק אין אַנדערע פרטים. אין די רשימות פון די נעמען זיינען די יידישע נעמען געוויינטלעך פּאָלאָניזירט, דאָ זיינען זיי פאַרדייטשט. למשל אין דער זעלבער פרוישטאַט שרייבט זיך אונטער ישראל קאַראָ—Israel Caro; אַנדערע נעמען: Moses Hirszel, Michael, Joseph Samuel, Joseph Freydus, Boruch Lasarus א״אַ.

דאָרט XXII (23).

אויפן ישוב האָבן די רשימות פון ספרים און די נעמען פון די אייגנטימער פון די ספרים אונטערגעשריבן די אַרענדאַרן. ווײַזט אויס, אַז די דאָזיקע רשימות זײַנען ערשט דעמאָלט געווען גילטיק, ווען די אונטערגעשריבענע האָבן אָפּגעגעבן אַ שבועה פאַר דעם רב פון דער קהילה, וואָס דער געגעבענער ישוב האָט געהערט צו איר. אַזוי למשל האָבן די אונטערגעשריבענע אין דאָרף דעמבינאַ אָפּגעגעבן אַ שבועה פאַרן קאָלישער רב. דאָס זעלבע געשעט אין פויזן ווו דער קאָזשמינער שמש און דער פרנס גיבן אָפּ אַ שבועה פאַרן פויזנער רבי[3].

די רשימות פון ספרים און נעמען זײַנען תמיד דורך עמעצן אונטערגעשריבן; ווי אַן אויסנאַם האָב איך באַגעגנט צוויי קהילות, ווו קיין אונטערשריפטן זײַנען צופעליק נישט פאַראַן. דאָס זײַנען: די קהילה אין בריסק דקויאַוויע און קאַמענעץ אין פּאָדאָליע.

די רשימות זײַנען אומעטום נאָמענטלעכע. בלויז פון וואָלינער וואָיעוואָדשאַפט איז פאַראַן אַן אַלגעמיינער סך־הכל פון דער צאָל ספרים און לוחות אין יעדער קהילה און אין יעדער ישוב.

די באַריכטן זײַנען זייער גענויע און, ווי מיר דאַכט זיך, געמאַכט זייער געוויסנהאַפט. אַ גאַנצע ריי פאַקטן באַווײַזן, אַז הן די יידן הן די באַאַמטע האָבן זיך באַצויגן ערנסט צו זייער חוב, און אָפּגעבנדיק די שבועה פאַרן צייל־קאָמיסאַר ווילן זיי טאַקע ערלעך אָפּהיטן זי אין אַלע פרטים. אַזוי למשל שרײַבט דער אָסטראָווער דיין אונטער, אַז „סך הכל הספרים שלש מאות"; משה בן שלמה פרנס, וועלכער שרייבט אונטער די רשימה, באַמערקט, אַז עס זײַנען פאַראַן 379 ספרים, מיט איין וואָרט, די אונטערגעחתמעטע פילן אויף זיך דאָס גאַנצע אַחריות[4] פון אָפּגעבן אַ שבועה.

אונטער אַנדערע רשימות זײַנען פאַראַן גאַנצע באַריכטן, ווו די אונטערגעחתמעטע שרײַבן בפירוש אויס, וואָס זיי האָבן געטאָן אין צוזאַמענהאַנג מיט דער פאַראָרדענונג פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע. אַזוי למשל שרײַבן די סאָקאָלאָווער „אלופים", אַז זיי האָבן אונטער אַ חרם באַפוילן אַלע יידן פון שטאָט און פון די אַרומיקע דערפער צו ברענגען אַלע ספרים „הן של אנשים והן של נשים והן של קטנים"[5].

די צייל־באַאַמטע זײַנען אויך שטאַרק מקפיד אויף יעדן פרט. זיי פאַרענטפערן זיך פאַר דער רעגענציע פון פּאַפּיר־שטעמפּל, פאַרוואָס דער אָדער יענער האָט נישט געבראַכט די ספרים צום שטעמפּלען, בפרט פינקטלעך זײַנען זיי ווען ס'האַנדלט זיך וועגן קהילות. אין דער גרויספּוילישער שטאָט שרעם (Srem)[6] פאַרציילט דער באַאַמטער, אַז „מאיר, דער פריערדיקער קורניקער רב איז ניטאָ אין

---

[3] XXII (20).

[4] XXII (20).

[5] XXII (22).

[6] XXII (20).

דער היים, ער האָט איבערגעלאָזט די פרוי און אַליין געגאַנגען זוכן אַ שטעלע. די פרוי האָט געבראַכט צום שטעמפּלען 109 ספרים, דעם רעשט האָט ער מיט זיך מיטגענומען אין וועג אַרײַן".

אין ליפּניק פאַרענטפערט זיך דער באַאַמטער, פאַרוואָס ער האָט נישט אָפּגעשטעמפּלט קיין ספרים, „ווײַל ס'איז דאָרט נישטאָ קיין יידן. זיי זײַנען אַוודאי אויסגעשטאָרבן"[7]. אין די דערפער סווערטשין, טורזשעוו און שאַנישיצע אין מאַזאָוויע (לובראַניעצער קאַנט) „זײַנען זיך די יידן פונאַנדערגעקראָכן"[8], דערפאַר איז דאָרט נישט געווען וואָס צו שטעמפּלען.

אַ באַזונדערן פלײַס און איבערגעגעבנקייט האָט אַרויסגעוויזן דער לוסטראַטאָר פון יידישע ספרים אין לודמירער פּאָוויאַט. געקומען קיין אושצילוג האָט ער געשיקט אַ בריוו צום עקאָנאָם פון דאָרף סמילאָוויצע, און דער קהל האָט נאָך פריער 3 מאָל געשיקט שלוחים צום סמילאָוויצער אַרענדאַר, ער זאָל קומען שטעמפּלען די ספרים. דער לוסטראַטאָר האָט אויף אים געוואַרט גאַנצע 3 טעג אין אושצילוג, אָבער יענער האָט מחמת זײַן עקשנות זיך נישט געשטעלט. דעריבער האָט ער געמוזט אַוועקפאָרן מיט גאָרנישט. דער אָרטיקער קאָמיסאַר און קהל שטעלן אים אויס אַ כּתב, וואָס דורך אים זאָל ער זיך קענען רעכטפאַרטיקן פאַר דער רעגענציע, וועלכע האָט — ווי מיר דוכט — שפּעטער פאַרגליכן די ספרים־רשימות מיט די קאָפּגעלט־רשימות, און אַזוי־אַרום לײַכט געקענט פעסטשטעלן, צי איז עמעץ אויסגעמיטן געוואָרן אין דער רשימה.

אויף דעם דאָזיקן געדאַנק פירט מיך אַרויף דאָס, וואָס למשל דער מאַזאָווישער לוסטראַטאָר, פאַרענטפערנדיק זיך פאַרוואָס אין די דערפער זײַנען נישטאָ קיין יידן, באַמערקט בפירוש, אַז בעת דער לוסטראַציע פון קאָפּגעלט זײַנען נאָך דאָרט יידן געווען.

וועגן דעם, אַז די קאָפּגעלט־ציילונג האָט געהאַט אַ נאָענטע שייכות מיט דער ספרים־ציילונג, קען מען אויך דרינגען פון דעם שטעטל שמיגעל אין גרויס־פוילן. דער דאָרטיקער ספרים־לוסטראַטאָר באַקומט אַרויס אַ כּתב פון דעם מאַגיסטראַט, אַז צוויי יידן פון מאָראַווע, וועלכע זײַנען בײַ דער קאָפּגעלט־ציילונג געווען פאַרשריבן אין דעם שטעטל, זײַנען די נאַכט פאַר דער ספרים־ציילונג אַנטלאָפן פון שטאָט. דאָס זעלבע האָבן אויך געטאָן צוויי אַנדערע יידישע בעלי־בתּים, וועלכע זײַנען מיט די זאַכן און משפחות בײַנאַכט אַנטלאָפן[9].

דער קלוגער פּרינציפּ צו נעמען פאַרן יסוד די לעצטע קאָפּגעלט־ציילונג פון יאָר 1775, באַנוצן די זעלבע לוסטראַטאָרס פון קאָפּגעלט, אָננעמען די זעלביקע אַדמיניסטראַטיווע אײַנטיילונג, וואָס בײַ דער קאָפּגעלט־ציילונג האָט מסתּמא אָפּגעהיט פון צו גרויסע פאַלשקייטן אויף דעם געביט.

---

7 XXII (22).

8 דאָרט.

9 XXII (20).

פאַלשקייטן זײַנען אָבער זיכער פאָרגעקומען—דערין איז קיין שום ספק נישטאָ, הגם אין די שטעמפּל-אַקטן באַגעגענען מיר זייער ווייניק ידיעות וועגן דעם.

זייער אינטערעסאַנט אין דעם פרט איז דער באַריכט פון דעם קאַמער-רעוויזאָר אין קאַמענעץ-פאָדאָליע, אושינסקי. לויט זײַנע אינפאָרמאַציעס געפינען זיך אין די אוקראַינער קהילות און ישובים אַ סך נישט-געשטעמפּלטע ספרים. דאָס נעמט זיך דערפון, וואָס צווישן די יידן איז בעת די ספרים-ציילונג אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז דער איין-זילבער-גראָשעדיקער אָפּצאָל פון אַ ספר איז נישט קיין איינמאָליקער, נײַערט אַ שטענדיקער, וואָס מען וועט אײַנמאָנען יעדער פערטל יאָר. דערפאַר טאַקע האָבן אַ סך יידן באַהאַלטן אַ סך ספרים. אין שטעטל קיטײַגראָד זאָלן זיך געפינען אַ 200 נישט-געשטעמפּלטע ספרים, אין סאָקאָלעצער קהל מער ווי 200, אין שטאָט טשערץ צוויי גרויסע קאַסטנס, אין דער שטאָט מעזשיבאָזש זאָלן זיך אויך געפינען אַ סך נישט-געשטעמפּלטע ספרים. דאָס זעלבע אין די ישובים פון פאָדאָלער וואָיעוואָדשאַפט. די צאָל נישט-געשטעמפּלטע ספרים שאַצט ער אָפּ אויף 30 טויזנט אין קאַמענעצער וואָיעוואָדשאַפט[10].

אויך אין כעלעם און כעלעמער סביבה האָבן די יידן נישט אַלע ספרים געגעבן צום שטעמפּלען. דער שרײַבער פון דער וואָיסלאַווער קאַמער קיעשקאָווסקי האָט צונויפגענומען אַ 20 נישט-געשטעמפּלטע ספרים; אַחוץ דעם האָט מען אים מודיע געווען, אַז אין די אַרומיקע ישובים געפינען זיך נישט-געשטעמפּלטע ספרים[11].

אויך אין דער אוקראַינישער שטאָט זשוואַנעץ איז נישט אַלץ געווען אין אָרדענונג. דער דאָרטיקער קאַמער-רעווידענט אָסטראָווסקי האָט זיך צופעליק דערוווּסט, אַז די דאָרטיקע יידן באַנוצן אַ פאַלשן שטעמפּל, און אַז ס'זײַנען פאַראַן נישט-געשטעמפּלטע ספרים. נישט לאַנג געטראַכט האָט ער „בעת פײַערלעכע יידישע ימים-טובים״ געמאַכט אַ רעוויזיע אין דער שול. צוזאַמען מיט עטלעכע וועכטערס איז ער צוגעקומען צו דער שול, אַרויסגערופן דעם שמש און די פרנסים און זיי באַפוילן צונויפצונעמען בײַ אַלעמען די ספרים און ווײַזן זיי די באַאַמטע. און שול איז דערווײַלע געוואָרן אַ גרויסער טומעל, ממש אַ מרידה. „די יידן זײַנען מיט אַ גרויסן רעש אַרויס פון שול, זיי האָבן אַרויסגעוואָרפן די ספרים דורכן פענסטער און מיט די פויסטן צעשלאָגן דעם וועכטער, וואָס האָט געהיט די הינטערשטע טיר״. אַז דער עולם איז אַ ביסל שיטערער געוואָרן, האָט דער רעוויזאָר צוזאַמען מיט די וועכטער רעווידירט די ספרים פון די איבערגעבליבענע יידן. די שטעמפּלען, וואָס זײַנען ענלעך געווען צו פאַלשע, האָט ער אָפּגעריסן און געפונען דאָרט אין אַ באַהאַלטענעם ווינקל 6 נישט-געשטעמפּלטע ספרים[12].

---

10 ראַפּאָרטן פון דער רעגענציע פון פּאַפּיר-שטעמפּל, נומ׳ 35, פון יאָר 1779 (פינאַנץ-אַרכיוו, וואַרשע).

11 ראַפּאָרטן פון דער שטעמפּל-רעגענציע, נומ׳ 35.

12 דאָרט, ז׳ 11.

אויף די אַלע ראַפּאָרטן האָט די שטעמפּל־רעגענציע געהאַט איין ענטפער: אַלע נישט־געשטעמפּלטע ספרים אָדער ספרים מיט פאַלשע שטעמפּלען צונעמען און די באַזיצער פון די ספרים אַרײַנזעצן אין תּפיסה[13].

דערמיט האָבן אָבער נישט מסכּים געווען די ראַפּאָרט־אָפּגעבערס. דער רעווידענט פון דער קאַמענעצער קאַמער אושינסקי האַלט, אַז אַזאַ מין פאַראָר־דענונג וועט נאָר ברענגען אַ שאָדן דעם מלוכה־אוצר. די יידן, שרײַבט ער, האָבן דערקלערט, אַז אויב מען וועט זיי דערפאַר לאָדן אין געריכט אַרײַן, וועלן זיי אַלע נישט־געשטעמפּלטע ספרים פאַרברענען. זײַן פאָרשלאָג איז, אַז די רע־גענציע זאָל אַרויסגעבן אַ נײַע מודעה, אַז די וואָס האָבן ביז איצט נישט גע־שטעמפּלט זייערע ספרים, מעגן עס איצט טאָן, און אַז די וואָס פאָלגן ניט וועלן שטרענג באַשטראָפט ווערן.

די דאָזיקע עצה, אַ לאָגישע און פאַרשטענדלעכע, איז געפעלן געוואָרן דער שטעמפּל־רעגענציע. דעם 10טן יאַנואַר 1780 גייט אַרויס אַ נײַער אוניווערסאַל[14], וועלכער שטעלט פעסט, אַז נישט געקוקט אויף די פריערדיקע אוניווערסאַלן פון 3טן יוני 1775 און 29טן פעברואַר 1776 געפינען זיך נאָך אַלץ בײַ יידן נישט־געשטעמפּלטע כּפרים און לוחות. דער אוניווערסאַל רופט הן די קהילות און הן די איינצלנע יידן, זיי זאָלן ביז סוף מערץ לאָזן אָפּשטעמפּלען זייערע ספרים און לוחות אונטער אַ שטראָף פון 500 גריוונעס און צוויי וואָכן תּפיסה.

דער אוניווערסאַל פון יאָר 1780 האָט געהאַט אַ גרויסע פּעולה. הונדערטער און טויזנטער ספרים זײַנען פון אַלע קהילות געבראַכט געוואָרן צום שטעמפּלען. מיט דעם דאָזיקן אוניווערסאַל איז פאַרענדיקט געוואָרן די גזעצגעבונג וועגן יידישע ספרים, וואָס געפינען זיך אין לאַנד. די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט פון דער שטעמפּל־רעגענציע מיט אירע באַאַמטע איז איצט געווענדט דערויף, אַז קיין איין בוך זאָל נישט אַרײַן אין לאַנד אָן אַ שטעמפּל בײַ די גרענעץ־קאַמערן.

אין ליטע, וועלכע האָט זיך ביזן פיר־יאָריקן סיים 1788—1791 געפונען אונטער אַן אייגענער אַדמיניסטראַציע, האָט דאָס סיים־געזעץ וועגן פּאַפּיר־שטעמפּל, און ממילא אויך וועגן יידישן ספרים־שטעמפּל, נישט געהאַט קיין שליטה. ערשט אין יאָר 1792 איז אַרײַנגעטרעטן אַ געוויסע ענדערונג. אויפן יסוד פון געזעץ פון יאָר 1791 איז די גילטיקייט פון דעם געזעץ וועגן פּאַפּיר־שטעמפּל אויסגעשפּרייט געוואָרן אויך אויף ליטע. דעם 7טן פעברואַר 1791 גיט די פינאַנץ־קאָמיסיע, וועלכע איז שוין זינט דעמאָלט געווען אַ שותּפותדיקע פאַר דער קרוין און פאַר ליטע, אַרויס אַ פאַראָרדענונג, אַז מען זאָל בײַ די גרענעצן שטעמפּלען אַלע ספרים, פון וואַנען זיי זאָלן נישט אַרײַנקומען[15].

אַ ספּעציעלע פאַראָרדענונג פון דער שותּפותדיקער קאָמיסיע וועגן

---

[13] דאָרט.

[14] עקאָנ׳ פּראָטאָקאָל נומ׳ 20, ז׳ 18.

[15] עקאָנ׳ פּראָטאָקאָל נומ׳ 30, ז׳ 190.

שטעמפּלען יידישע ספרים אין ליטע איז אַרויס מיט אַ חודש שפּעטער, דעם
22טן מערץ 1792. דער דאָזיקער אוניווערסאַל חזרט איבער דאָס זעלבע, וואָס
איז שוין אונדז באַקאַנט פון אוניווערסאַל פון יאָר 1776 פאַר די קרוין=לענדער.
דער אוניווערסאַל לייגט אַרויף אויף די רבנים און פּרנסים דעם חוב מחייב צו
זײַן אַלע יידן אונטער אַ חרם צו ברענגען זייערע ספרים צו דער ציילונג, ער
באַשטימט דעם נוסח פון דער שבועה, וואָס דער רב און פּרנסים גיבן אָפּ פאַרן
צייל=באַאַמטן; די וואָס מען וועט געפינען בײַ זיי נישט=געשטעמפּלטע ספרים
וועלן באַצאָלן אַ פּירפאַכיקן אָפּצאָל; פאַר פעלשן דעם שטעמפּל קומט תּליה. די
צייל=באַאַמטע באַקומען לוין אַ שעלאָנג פון יעדן ספר.

## פאַלשקייטן, שטראָפן, קאָנפיסקאַציעס.

אויבן[16] בײַם אַרומריידן דעם אוניווערסאַל פון יאָר 1780 וועגן אַ נײַער, אַל=
געמיינער לוסטראַציע פון יידישע ספרים, האָב איך געבראַכט אייניקע באַריכטן פון
פינאַנץ=באַאַמטע וועגן דעם, אַז אַ סך קהילות היטן נישט אָפּ די פאַראָרדענונג
וועגן ספרים=שטעמפּל. איך האָב געבראַכט אַן אינטערעסאַנטן מאָטיוו, פאַרוואָס
דאָס איז אין געוויסע קאַנטן אַ מאַסנדערשײַנונג: דער פאַלשער קלאַנג, אַז דער
ספרים=שטײַער איז נישט קיין איינמאָליקער, נײַערט אַ פערטליאָריקער.

די יידישע באַפעלקערונג האָט דעם ספרים=שטעמפּל באַטראַכט ווי אַ נײַע
גזירה אויף יידן, וואָס איז נישט חל אויף דער קריסטלעכער באַפעלקערונג. כאַ=
ראַקטעריסטיש איז דאָ דער אָרט אין דעם אין מײַן ערשטן אַרטיקל ציטירטן
מעמאָריאַל פון „יידישן פאָלק", ווו די ספרים ווערן אָנגערופן „אונדזערע הייליי=
קייטן". נישט קיין וווּנדער, וואָס יידן, באַשווערט מיט אַ סך אויסנאַם=שטײַערן ווי
למשל קאָפּגעלט, חוץ מיט כלערליי שווערע קהילה=שטײַערן, האָבן געפּרווּט
אַרויסצודרייען זיך פון דעם נײַעם ספרים=שטײַער. ווי תּמיד בײַ שטײַערן, איז
דאָ שווער פעסטצושטעלן, ווי גרויס עס איז געווען דער פּראָצענט פון די, וואָס
האָבן עובר געווען אויפן געזעץ.

אַ יידישער מעדיצין=דאָקטאָר ס. קאַלמאַנזאָן האָט אין אַ מעמאָראַנדום, וואָס
שמעקט שטאַרק מיט מסירה, פאָרגעלייגט דער פּוילישער מלוכה זײַן הילף בנוגע
פיר שטײַערן: פּאַפּיר=שטעמפּל, יידישע ספרים, יידישע לוחות און קאָפּגעלט. „ער
וויל אויפווײַזן דער רעגירונג, וועלכע הינטערוועגן און שווינדלערײַען עס ווערן
באַגאַנגען בײַ די דאָזיקע שטײַערן, און ער רעכנט מיט זײַנע אַנטדעקונגען
אַרײַנצוברענגען דעם מלוכה=אוצר עטלעכע הונדערט טויזנט גילדן". דער „נידע=
ריקסטער פוסבענקעלע ס. קאַלמאַנזאָן", medicinae doctor, האָפט, אַז די קאָ=
מיסיע וועט אים פאַר זײַן טירחה געבן אַ „פעטן לוין"[17].

---

16 ייוואָ=בלעטער V, ז' 131.

17 מעמאָראַנדומס נומ' 27, 1784, 5/IV.

צום באַדויערן גיט קאַלמאַנזאָן נישט אָן, אויף וויפיל ער שאַצט אָפּ די פאַלשקייטן ביי יעדן שטייער באַזונדער. מיר מוזן דעריבער זיך אָפּזאָגן פון יעטווידער אַלגעמיינער אָפּשאַצונג און איבערגיין צו פּרטים.

פאַרשיידענע אופנים זיינען געווען, ווי אַזוי עובר צו זיין אויף די פאַר-אָרדענונגען פון דער קאָמיסיע. דער סאַמע פאַרשפרייטסטער איז געווען: נישט צו שטעמפּלען ספרים.

אין די ערשטע אוניווערסאַלן פון דער פינאַנץ-קאָמיסיע ווערט אַרויסגע-לייגט די אַחריות פאַר נישט-שטעמפּלען די ספרים אויפן יידישן כּלל. די רבנים און די פּרנסים זיינען דערפאַר ערב מיט אַ שטראָף פון 500 גריוונעס און מיט פאַרלירן דאָס כּסא-הרבנות אָדער דעם אַמט פון פּרנס.

אין דער פּראַקטיק איז אונדז באַקאַנט בלויז איין פאַל, ווען אַ יידישע קהילה ווערט געלאָדן פאַרן געריכט פאַר נישט שטעמפּלען ווי געהעריק די ספרים. אין יאָר 1778 פּסקנט דאָס געריכט פון דער פינאַנץ-קאָמיסיע, אַז דער פאַרטרעטער פון דער אָזאַרזשינעצער קהילה מוז אָפּגעבן אַ שבועה, אַז בשעתו האָט ער אָפּגעגעבן אַלע ספרים צום שטעמפּלען, און אַז אַ ייד וואָס איז שפּעטער געקומען אין דער דאָזיקער קהילה פון דעם לאַנד וואָלאַכיע האָט מיט זיך מיט-געבראַכט אַהין דריי נישט-געשטעמפּלטע ספרים[18].

בדרך כּלל איז אָבער דער פּונקט נישט געוואָרן אָפּגעהיט. ס'איז אומ-מיגלעך געווען, אַז קהל זאָל טראָגן די אַחריות פאַר די מעשים פון יעדן יחיד. באַשטראָפן פלעגט מען דעריבער יחידים מיט קאָנפיסקירן די נישט-גע-שטעמפּלטע ספרים אָבער מיט אַ טאָפּלטן אָדער טיילמאָל אַפילו מיט פירפאַכיקן שטעמפּל-אָפּצאָל. בלויז אין איין פאַל פון נישט-שטעמפּלען ספרים דורך אַ דרוקעריי איז אָנגעווענדט געוואָרן די אויבן דערמאָנטע שטראָף פון 500 גריוו-נעס, וואָס האָט אויסגעמאַכט 400 גילדן.

דער דאָזיקער פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1780[19]. באַשולדיקט זיינען גע-ווען די בעלי-בתים פון דער אָלעקסינעצער דרוקעריי פון יידישע ספרים: אַבראַמקאָ הערשקאָוויטש, יאָוועל כאַרטקאָוויטש, אשר מאַיאָרקאָוויטש, מאָנאַשקאָ יאָשיאָוויטש, און משה, דער אייגנטימער פון אָלעקסינעץ—דער פירשט קאַזשימיערזש טשאַרטאָריסקי און דער מוכר-ספרים מרדכי אַראָנאָוויטש. אין דעם אָנקלאָג-אַקט ווערן אויסגע-רעכנט פאַרשיידענע פאַלשקייטן פון דער דרוקעריי און פון איר מוכר-ספרים. אין יאָר 1778 האָט ער אויפן לאַטיטשעווער יריד פאַרקויפט ספרים אָן אַ שטעמפּל. ווען דער רעוויזאָר באַרבאָווסקי האָט אים ביי דעם געכאַפּט, האָט ער געטענהט, אַז די ספרים האָט ער געקויפט אין דער דרוקעריי אָן שטעמפּלען און אַז די שטעמפּלען האָט ער שפּעטער גענומען אין דער דאָרטיקער קאַמער, זיי געהאַלטן באַזונדער און נישט אויפגעקלעפּט אויף די ספרים. ביי דער רעוויזיע

---

18 אַקטן פון דער פינאַנץ-קאָמיסיע נומ׳ 15, ז׳ 1149, יאָר 1778 (וואַרש׳ הויפּט-אַרכיוו).

19 פינאַנץ-קאָמיסיע-אַקטן נומ׳ 17, ז׳ 1014 (וואַרשעווער הויפּט-אַרכיוו).

האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז ער האָט נישט אַזויפיל שטעמפּלען וויפיל ספרים, און אַז די וועלכע ער האָט זײַנען נישט פאַר נײַע ספרים, נײַערט אַראָפּגעריסענע פון אַלטע ספרים. ווי אַ שטראָף האָט מען די ספרים קאָנפיסקירט און די דרוקערײַ באַשטראָפט מיט אַכט הונדערט גילדן, דערפאַר וואָס זי האָט קעגן דעם אוניווערסאַל פון 16 יוני 1775 פאַרקויפט נישט־געשטעמפּלטע ספרים. דער פירשט טשאַרטאָריסקי, דער אײגנטימער פון שטאָט אָלעקסינעץ, איז מחוייב צוצואײַלן די יידן די דרוקערס, זיי זאָלן אײַנצאָלן דעם אויף זיי אַרויפגעלייגטן קנס. די קאָנפיסקירטע ספרים האָט מען פאַרקויפט אויף אַ ליציטאַציע און איין דריטל פון דער געלייזטער סומע האָט באַקומען דער מסור (דעלאַטאָר), די איבעריקע צוויי דריטל דער מלוכה־אוצר (ד״ה 67 גילדן מיט 10 גראָשן)[20].

פון אַנדערע דרוקערײַען האָט זיך שטאַרק פאַרזינדיקט די דרוקערײַ פון דעם קריסט יאָהאַן אַנטאָן קריגער אין נײַהאָף לעבן וואַרשע. יאָרן־לאַנג איז ער געווען דער קטיגור פון אַנדערע מוכר־ספרימניקעס, ביז וואַנען... ער אַליין איז געשטרויכלט געוואָרן. דער יצר־הרע פון פאַרקויפן נישט־געשטעמפּלטע ספרים האָט בײַ אים סוף־כל־סוף גובר געווען די מאָראַלישע פּרינציפּן, וואָס ער האָט פאַר זיי יאָרנלאַנג געקעמפט אין זײַנע צאָלרײַכע מעמאָראַנדומס.

אַזוי למשל איז ער אין יאָר 1786 דער דעלאַטאָר אַקעגן אַ ליסער מוכר־ספרימניק געצל[21], טאַקע אין קריגערס בײַזיין האָט מען אויפגעפּאַקט די קאַסטנס מיט ספרים, וועלכע געצל האָט פאַרקויפט בסוד אין פּראַגע. די דאָזיקע רעוויזיע האָט פעסטגעשטעלט, אַז פון 291 ספרים זײַנען אויף 30 געווען אויפגעקלעפּט שטעמפּלען פון אַלטע ספרים, אַרום די חומשים איז אַרויסגעקומען אַ גאַנצע פּלוגתא. אויפגעקלעפּט געווען איז אַ שטעמפּל נאָר אויף איין ספר פון אַ גאַנצן גאַנג חומשים (2 בענד). האָט קריגער געטענעט, אַז דאָס איז נישט ריכטיק, דער שטעמפּל דאַרף שטיין אויף יעדן באַנד באַזונדער. געצל ווידער האָט געזאָגט, אַז די חומשים זײַנען ניט קיין באַזונדערע, נײַערט איינציקע טיילן פון איין ספר[22]. נישט־געקוקט אויפן גאַנצן טומל, וואָס קריגער האָט אויפגעהויבן אַרום דעם ענין — מסתמא איבער קאָנקורענץ־טעמים — איז דער פּסק־דין געווען זייער אַ מילדער[23]. געצל האָט געדאַרפט שווערן, אַז די שטעמפּלען פון די ספרים האָט ער נישט אַראָפּגעריסן פון אַלטע ספרים, נײַערט געקויפט זיי בײַ אַנדערע יידן, און דערנאָך האָט ער געמוזט אַראָפּרײַסן די אַלטע שטעמפּלען פון די ספרים און צוקלעפּן נײַע. אויף די חומשים האָט געצל געמוזט קויפן שטעמפּלען אויף יעדן חלק באַזונדער.

צוויי יאָר שפּעטער שיקט קריגער אַרײַן אין דער פינאַנץ־קאָמיסיע אַ ברייטן

---

20 שטעמפּל־אַקט (22)XXIII—פינאַנץ־אַרכיוו—וואַרשע.

21 מעמאָראַנדומס נומ׳ 31, ז׳ 34, 1786 (קריגערס מסירה).

22 ראַפּאָרטן פון דער שטעמפּל־רעגענציע נומ׳ 35, ז׳ 18, 1786 III/4.

23 עקאָנ׳ פּראָטאָקאָל נומ׳ 23, ז׳ 186, 1786.

מעמאָראַנדום, וואָס אין אים באַרירט ער אויך די פאַלשקייטן פון די באַאַמטע. אַזוי למשל ווייס ער צו פאַרציילן, אַז אַן אומבאַקאַנטער ייד האָט פראַנק און פריי פאַרקויפט נישט־געשטעמפּלטע ספרים אויפן יריד אין לענטשנע[24]. דער שריי־בער האָט דאָס אַלץ געזען, אָבער נישט געהאַט די דרייסטקייט אָנצוהייבן זיך מיטן ייד מחמת מורא פאַרן פריץ, וואָס ביי אים האָט דער ייד געוווינט.

פּלוצים אָבער האָט זיך די סיטואַציע געביטן. קריעגער, וועלכער איז פריער כסדר אַרויסגעטרעטן אין דער ראָלע פון קטיגור און האָט פאַרשאָטן די פינאַנץ־קאָמיסיע מיט שטרענגע מעמאָראַנדומס, ווערט אַליין אַוועקגעשטעלט גאָר אין אַן אַנדערער נישט־איינגענעמער לאַגע; פון אַלע זייטן פאַלן אויף אים באַ־שולדיקונגען, און ער אַליין איז אַפילו געצווונגען זיך מודה צו זיין, אַז ער האָט געזינדיקט.

אין יאָר 1789[25] קלאָגט די פינאַנץ־קאָמיסיע אים אָן, אַז ער האָט אָן אַ שטעמפּל פאַרקויפט יידן ספרים שוין פון לאַנג געדרוקטע און אַז אויפן לענטש־נער יריד האָט ער צווישן 2.641 ספרים געהאַט בלויז 260 געשטעמפּלטע און „אַחוץ דעם האָט ער אַהין געשיקט 2.000 יידישע דרוקן, וועלכע מען פאַרקויפט געוויינטלעך אויף בויגנס" (מסתמא מיינט מען דאָ לוחות).

אין יאָר 1791[26] באַשולדיקט אים אַ געוויסער יוזעף גליקזעליק, אַ משומד פון וואַרשע, אַז „די נייהאָזער דרוקעריי פאַרקויפט צום גרעסטן טייל נישט־געשטעמפּלטע יידישע ספרים". כדי דאָס צו באַווייזן האָט זיך גליקזעליק גענו־מען נאָכשפּיאָנירן. ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז קריעגער פאַרקויפט ספרים צו־נויפגעהעפטע צו צוויי, וואָס אויף זיי איז פאַראַן בלויז איין שטעמפּל. ער האָט אויך געפונען אַ ספר פון קריעגערס דרוקעריי — אַ נישט־געשטעמפּלטס און איז גרייט עס יעדער רגע צו ווייזן.

די באַשולדיקונג האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק. אין אַ מעמאָראַנדום צו דער פינאַנץ־קאָמיסיע[27] האָט זיך קריעגער מודה געווען, אַז וואָס שייך דער באשולדיקונג פון לובלינער שרייבער, אַז ער פאַרקויפט נישט־געשטעמפּלטע ספרים אין לובלין, איז דאָס מיגלעך, אָבער נישט ער טוט עס, נאָר זיינע מענטשן. דאָס געריכט אָבער האָט געהאַלטן, אַז קריעגער איז שולדיק, און האָט אים באַשטראָפט מיט 341 גילדן מיט 15 גר'[28].

נאָך שווערערע באַשולדיקונגען אַקעגן קריעגערן האָט אַרויסגערוקט לייזער פון קראָטאָשין[29], וואָס וועגן אים וועט מיר נאָך אויסקומען גענויער צו שרייבן.

---

24 מעמאָראַנדומס נומ' 35, יאָר 1788.

25 וול. סמאָלענסקי: דאָס וואַרשעווער בירגערטום פון 18טן יאָרהונדערט (פויליש), ז' 31.

26 מעמאָראַנדומס נומ' 38, 1791 11/X.

27 דאָרט, 1791.

28 שטעמפּל־אַקטן, (17)XXII.

29 מעמאָראַנדומס נומ' 41, 1792 15/XI.

ער באַשולדיקט קריעגערן, אַז יעדער יאָר באַגנבעט ער דעם מלוכה־אוצר אויף עטלעכע צענדליגער טויזנטער גילדן. דער ווײַטערדיקער גורל פון דער דאָזיקער באַשולדיקונג איז אומבאַקאַנט. איינס איז אָבער באַוווסט, אַז אין די 90ער יאָרן[30] איז אַקעגן קריעגערן פאַרפירט געוואָרן אַ נײַער פּראָצעס וועגן נישט שטעמפּלען יידישע ספרים און וועגן צוזאַמענהעפטן עטלעכע ספרים צוזאַמען און שטעמפּלען מיט איין שטעמפּל.

אַ גרויסן אינטערעס האָט אַרויסגערופן דער ענין מיטן ברעסלער בוכ־הענדלער מיכאַל מאַאַס (Maas). דער דאָזיקער ענין האָט שטאַרק פאַראינטערע־סירט די פּוילישע פינאַנץ־ספערן ראשית מחמת דעם, וואָס ברעסלע האָט פון שטענדיק אָן געליווערט פּוילן אַ סך ספרים און צווייטנס איבערן צווישנמלוכישן כאַראַקטער פון דעם ענין, וועלכער האָט אַרויסגערופן אַ דיפּלאָמאַטישע אינ־טערווענץ פון פּוילן. די פינאַנץ־קאָמיסיע האָט זיך דערוווסט, אַז פון ברעסלע קומען אַרײַן קיין פּוילן יידישע ספרים מיט אַ געפעלשטן שטעמפּל כלומרשט פון דער ליסער קאַמער. כדי צו דערגיין, צי די ידיעה איז ריכטיק, האָט די קאָמיסיע אַרויסגעשיקט קיין ברעסלע אַ ספּעציעלן באַאַמטן, וועלכער האָט מיט זיך מיט־גענומען צו הילף אַ פּוילישן ייד מיטן נאָמען הערשעק. געקומען קיין ברעסלע, איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין מיכאַל מאַאַס אָדער מיכאַל לעבעלס בוכהאַנדלונג, געקויפט דאָרט 3 ספרים און געצאָלט פאַר די 3 שטעמפּלען צו 9 גראָשן אַ שטיק. האָבנדיק אין די הענט אַ קלאָרן באַווײַז פון מיכאַל מאַאַס שווינדלערײַען צום שאָדן פון פּוילישן מלוכה־אוצר ווענדט זיך די פינאַנץ־קאָמיסיע צו דער דעפּו־טאַציע פאַר אויסוויינדיקסטע ענינים (אויסערן־מיניסטעריום) מיט דער בקשה צו אינטערווענירן וועגן דעם ענין בײַם פּרײַסישן קיניג און פאַרלאַנגען פון אים ס׳זאָל געהעריק צו באַשטראָפן מאַאַסעס מעשים[31].

דאָס פּוילישע אויסערן־מיניסטעריום האָט זיך מסתמא טאַקע געווענדט צום פּרײַסישן קיניג, ווײַל אין אַ צײַט שפּעטער לייענען מיר, אַז די פינאַנץ־קאָמיסיע האָט אַרײַנגעשיקט אירע באַמערקונגען צו מאַאַסעס דערקלערונגען פאַר דער אויספאָרש־קאָמיסיע. פון די דאָזיקע באַמערקונגען[32] דערוויסן מיר זיך זייער אַ סך אינטערעסאַנטע פּרטים. מיכאַל מאַאַס האָט זיך מודה געווען, אַז דער ספרים־האַנדל קיין פּוילן איז זײַן איינציקע באַשעפטיקונג, אַז ער פאַרקויפט אַהער אַ סך ספרים. ער פירט די ספרים דורכן קאָמיסיאָנער נתן אָדער יוסף ישעיה קיין ליסע. די קאָמיסיע באַווײַזט, אַז הגם ער טראַנספּאָרטירט אַזויפיל ספרים קיין פּוילן, האָט זי אין די שטעמפּל־רשימות פון דער ליסער קאַמער פון יאָר 1785 געטראָפן בלויז איין מאָל דעם נאָמען נתן, וועלכער האָט דעמאָלט אָפּגעשטעמפּלט 148

---

[30] פינאַנץ־אַקטן אָפּטיילונג 54, נומ׳ 26, ז׳ 22 (וואַרשעווער הויפּט־אַרכיוו).

[31] מינוטן (ערשטע קאָפּיע) פון די החלטות פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע, נומ׳ 1, 1789 9/II; עקאָנ׳ פּראָטאָקאָל נומ׳ 26, ז׳ 98 און 529.

[32] מינוטן נומ׳ 3, ז׳ 528, 1789.

ספרים. דאָס הייסט מיט אַנדערע ווערטער, אַז די איבעריקע טראַנספּאָרטן ביז צום יאָר 1789 זײַנען געווען מיט געפעלשטע שטעמפּלען. די קאָמיסיע שטעלט פעסט, אַז נישט ריכטיק איז מאַאַסעס באַהויפּטונג, אַז ער פלעגט קויפן גרעסערע טראַנספּאָרטן שטעמפּלען און זיי צוקלעפּן צו די ספרים. זינט דעם יאָר 1778 פּראַקטיקירט זיך אין פּוילן, אַז יעדע קאַמער האָט אַ מעשענעם שטעמפּל, וואָס מיט אים שמעמפּלט מען אָפּ די ספרים, אָבער מען קלעפּט שוין זינט דעמאָלט נישט צו קיין שטעמפּלען. ווײַטער פאַרציילט די קאָמיסיע, אַז זינט דעם 11/VI 1787 ווערן שוין נישט געשטעמפּלט אין ליסע קיין יידישע ספרים, און עס ווײַזט זיך אַרויס, אַז מאַאַס האָט אויך אין די יאָרן 1787—1789 פאַרקויפט ספרים מיט אַ פּוילישן שטעמפּל כלומרשט פון דער ליסער קאַמער. דעם סוף פון אָט דעם זייער אי.טערעסאַנטן ענין האָב איך צום באַדויערן נישט געקענט אין די אַקטן אויפזוכן.

דער באַקאַ:טער פּוילישער היסטאָריקער טאַדעוש קאָרזשאָן[33] שרײַבט, אַז דער מחבר פון דער אַנטיסעמיטישער בראָשור „דער קאַטעכיזם וועגן יידן און משומדים", שרײַבנדיק אויף זײַט 41 וועגן פעלשונגען פון אָפּגעשטעמפּלטן פּאַפּיר, וו.לכע האָ:ן געבראַכט דער מלוכה אַ שאָדן פון 2 מיליאָן גילדן, מיי:ט מסתמא דעם ענין מיכאל מאַאַס. דער געערטער מחבר איז דאָ באַגאַנגען אַ טעות, ווײַל אין ענין מאַאַס האָט זיך געהאַנדלט וועגן ספרים־שטעמפּל און נישט וועגן פּאַפּיר־שטעמפּל. אין אַן אַנדער אַרטיקל וועל איך אָנווײַזן, וואָס פאַר אַ פּראָצעס איז אויסן דער מחבר פון קאַטעכיזם.

די איבעריקע פּראָצעסן וועגן נישט שטעמפּלען יידישע ספרים זײַנען שוין נישט אַזוינע וויכטיקע, ווי די אויסגערעכנטע, הגם די שטראָפן זײַנען געווען גענוג האַרבע. אַזוי למשל האָט אַ פּוילישער פּריץ געפונען בײַם בלוינער אַרענדאַר יאָסעק ליטמאַנאָוויטש דרײַ נישט־געשטעמפּלטע ספרים. דערפאַר האָט מען אַרײַנגעזעצט אים מיט זײַנע דרײַ זין...[34].

פאַר איבערקלעפּן אַ שטעמפּל פון אַן אַלטן ספר אויף אַ נײַעם האָט מען דעם אײַנבינדער לייבוש געצלאָוויטש באַשטראָפט נישט בלויז מיט אַרעסט, נײַערט מיט געלט־שטראָף פון 45 גילדן מיט 18 גראָשן[35].

אין פאַרגלײַך מיט די דאָזיקע שטראָפן איז שוין גאַנץ מילד דער פּסק־דין, וואָס עס האָט באַקומען דער ליסער ייד יעקב משה. כדי נישט צו דאַרפן אויפפּאַקן אַ קאַסטן ספרים געקויפט אין פראַנקפורט האָט דער קריסטלעכער פורמאַן דערקלערט בײַ דער גענעראַל־קאַמער, אַז די סחורה איז אַדרעסירט צו אַ וואַרשעווער קריסטלעכן סוחר סיווטשינסקי. אַזוי ווי די גרעסערע קריסטלעכע

---

[33] ט. קאָרזשאָן: די אינערלעכע געשיכטע פון פּוילן אין די צײַטן פון סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי, IV, ז' 140.

[34] מעמאָראַנדומס נומ' 46, ז' 167, יאָר 1783.

[35] סענטענציאָנאַריושן (פּסקי־דינים) פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע נומ' 20.

סוחרים האָבן געהאַט די פּריווילעגיע פון רעמיסאַ, ד"ה, אַז זייערע סחורות פלעגט מען נישט רעווידירן בײַ דער גרענעץ, נאָר מען האָט זיי געמעגט פאַרזיגלטערהייט אָפּשיקן צו זייער באַשטימונגסאָרט, און ערשט דאָרט רעווידירן אין פאַרצאָלן, האָט ער געטראַכט אַזוי ערשט אין וואַרשע אָפּצושטעמפּלען די ספרים. די באַאַמטע האָבן אָבער געעפנט דעם קאַסטן און געפונען דאָרט יידישע ספרים[36]. דער יידישער סוחר האָט געטענעט, אַז ער האָט נישט געהייסן דעם פורמאַן געבן דער צאָל-קאַמער אַזעלכע דערקלערונגען. דער סוף איז אָבער געווען, אַז הן דער ייד און הן דער פורמאַן האָבן געמוזט באַצאָלן אַ טאָפּלטן קנס. גלײַכצײַטיק ווערן די יידן געוואָרנט, אַז אונטער שטראָף פון קאָנפיסקאַציע טאָרן זיי נישט באַציען סחורות אויפן נאָמען פון קריסטלעכע סוחרים[37].

זייער פאַרשפּרייט איז געווען דאָס אָפּרײַסן די פּאַפּירענע שטעמפּלען פון אַלטע ספרים און אויפקלעפּן אויף נײַע. די פינאַנץ-קאָמיסיע האָט קעגן דעם געמוזט כסדר קעמפן. סוף-כל-סוף איז זי געווען געצוווּנגען אַרויסצוגעבן וועגן דעם אַ ספּעציעלן אוניווערסאַל[38] און ענדערן דעם ביז איצטיקן אופן פון אָפּשטעמפּלען ספרים. אָנשטאָט צוצוקלעפּן אַ פּאַפּירענעם שטעמפּל צו יעדן ספר האָט די קאָמיסיע באַפוילן צו שטעמפּלען די ספרים מיט אַ מעשענעם זיגל, וואָס זײַן אָפּדרוק איז פון איצט אָן געבליבן אויף יעדן ספר.

אַ צווייטער גאַנג אויף אָפּנאַרן די קאָמיסיע איז געווען אײַנבינדן צוזאַמען עטלעכע ספרים און אָנגעבן זיי ווי איין ספר, אַזוי-אַרום האָט זיך דער באַזיצער פון בוך אײַנגעשפּאָרט צו שטעמפּלען עטלעכע ספרים. ווי מיר דערמאָנען זיך פון די פריערדיקע פּראָצעסן, האָט זיך אַזוי נוהג געווען די נײַהאָפער דרוקערײַ. דאָס פלעגן אויך טון פּריוואַטע פּערזאָנען, מוכר-ספרימניקעס, ווי למשל געצל פון ליסע, וואָס האָט געהאַט אַזאַ לאַנגן סיכסוך מיט קריעגערן, צי די חמשה חומשי-תורה זײַנען טיילן פון איין ספר, צי 5 באַזונדערע ספרים, ווי ס'האָט געהאַלטן קריעגער. די פעלשונגען פון דעם מין זײַנען מסתמא געווען אַן אָפּטע דערשײַנונג, ווײַל די פינאַנץ-קאָמיסיע מוז זיך עטלעכע מאָל אומקערן צו דעם זעלבן ענין אין אירע אוניווערסאַלן. זי שטעלט זיך אָפּ דערויף אין אוניווערסאַל פון יאָר 1784[39] און אין אוניווערסאַל פון יאָר 1792[40]. נאָך מער, די קאָמיסיע האָט אײַנגעזען, אַז זי וועט מיט דער דאָזיקער דערשײַנונג נישט קענען קעמפן, אויב מען וועט נישט באַשטימען געשוואָרענע זאַכקענער, וואָס זאָלן פעסטשטעלן, צי איז דאָס איין ספר, צי עטלעכע צוזאַמענגעהעפט אין איינעם.

אין וואַרשע האָט די פונקציע פון אַזאַ געשוואָרענעם זאַכקענער לויטן אוניווערסאַל פון יאָר 1784 אויסגעפירט דער געשוואָרענער איבערזעצער פון העב-

[36] מעמאָראַנדומס נומ' 20, ז' 261, יאָר 1777.
[37] עקאָנ' פּראָטאָקאָל נומ' 14, ז' 603, יאָר 1777.
[38] עקאָנ' פּראָטאָקאָל נומ' 15, ב' 645, יאָר 1778.
[39] עקאָנ' פּראָטאָקאָל נומ' 21, ז' 231, יאָר 1784.
[40] עקאָנ' פּראָטאָקאָל נומ' 30, ז' 190, יאָר 1792.

רעיִש און יידיש שמואל וואָלפּאָוויטש[41]. שפּעטער איז עס געווען דער וואַרשע־ווער סינדיק שמעון שמולאָוויטש[42].

---

מיר ברענגען דאָ נאָך אַ סטאַטיסטישע רשימה פון די קאָנפיסקירטע ספרים.

סטאַטיסטיק פון קאָנפיסקירטע ספרים

| יאָר | גילדן | גראָשן |
|---|---|---|
| 1780 | 67 | 10 |
| 1782 | 6 | $7^1/_2$ |
| 1783 | 235 | |
| 1784 | 36 | $22^1/_2$ |
| 1785 | 194 | |
| 1786 | 22 | 2 |
| 1787 | 10 | |
| 1788 | 850 | |
| 1789 | 156 | 19 |
| 1790 | 5 | 19 |
| 1791 | 510 | $12^1/_2$ |
| 1792 | 366 | 14 |
| | **2.460** | **16/$^1/_2$** |

פון אָט דער רשימה פון די קאָנפיסקירטע ספרים, וועלכע זיינען דערנאָך פּאַרקויפט געוואָרן אויף אַ ליציטאַציע, איז צו זען, אַז אָנגעהויבן פון די 80ער יאָרן הייבט זיך אָן אַן ענערגיש זוכעניש נאָך ספרים. פון די וויכטיקסטע קאָנ־פיסקאַציעס איז כדאַי אויסצורעכענען די ווייטערדיקע: אין יאָר 1778 ביי דעם וואַרשעווער בוכהענדלער דעם קריסט גרעל (Groell) אויף 432 גילדן, ד"ה אַז אַן ערך 1.000 אָדער אַפילו מער ספרים זיינען ביי אים קאָנפיסקירט געוואָרן, און שפּעטער פאַרקויפט אויף ליציטאַציע. אין דעם זעלבן יאָר ביי בערעק סאָלאָמאָ־נאָוויטש פון דער גאַליצישער שטאָט יאַרעסלע אויף 222 גילדן מיט 15 גראָשן; אין יאָר 1789 אויף דער קאַמער מילאַטין ביי אָווּשיאַ ניימאַן פון לעמבערג פאַר 22 גילדן, אין יאָר 1791 ביי קריענערן פאַר 330 גילדן און אין יאָר 1792 אויף דער קאַמער לעדוכווו ביי מרדכי ראַסיאָוויטש פון לויצק פאַר 120 גילדן.

---

41 מעמאָראַנדומס נומ׳ 31, ז׳ 128, יאָר 1786; עקאָנ׳ פּראָטאָקאָל נומ׳ 23, ז׳ 350.

42 עקאָנ׳ פּראָטאָקאָל נומ׳ 25, ז׳ 462, 1788.

# יאָהאַן אַנטאָן קריגער, דער נייהאָפער דרוקער פון העברעיִשע ספרים

(זײַן טעטיקייט אין די יאָרן 1781—1795)

איינעם פון די אָנגעזעענסטע ערטער אין דער געשיכטע פון יידישן ספר אין פוילן אין 18טן י״ה פאַרנעמט בלתי שום ספק דער מערקווערדיקער, רירעוודיקער און אונטערנעמערישער אייגנטימער פון דער נײַהאָפער, אַ קורצע צײַט — אויך פון דער קאָרעצער — דרוקערײַ יאָהאַן אַנטאָן קריגער. זײַן פאַרדינסט באַשטייט ניט נאָר אין דעם, וואָס ער האָט אויפגעשטעלט די ערשטע דרוקערײַ אין שכנות פון וואַרשע, וואָס ער האָט אַנטוויקלט אַ רײַכע טעטיקייט אַלס אַרויסגעבער, נאָר אויך אין דעם, וואָס ער האָט משפיע געווען די פּאָליטיק פון די פּוילישע פינאַנס-ספערן און געצווונגען זיי צו רעכענען זיך מיט די נויטן און באַדערפענישן פון יידישן דרוק-וועזן אין פוילן און שיצן די נאָך שוואַכע לאַנד-פּראָדוקציע פאַר דער קאָנקורענץ פון די אויסלענדישע דרוקערײַען.

די נײַהאָפער דרוקערײַ איז אייגנטלעך אַ וואַרשעווער, ווײַל די פּריוועלעגיע, וואָס אויפן סמך פון איר האָט די דרוקערײַ עקס-סטירט, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין וואַרשע. איבעריקנס איז נײַהאָף געלעגן אין דער נאָענטסטער שכנות פון וואַרשע.

די דאָזיקע דרוקערײַ האָט זיך איר אינטערעסאַנטע פאָרגעשיכטע, וועלכע איז ענג פאַרבונדן מיט דער אינטערעסאַנטער, אונטערנעמערישער פּערזאָן פון ליזער יצחק פון קראָטאָשין.

וועגן ליזער יצחקס פאַרגאַנגענהייט זענען אונדז באַקאַנט אייניקע פּרטים: קודם-כּל איז אונדז באַוווּסט, אַז ליזער האָט געהאַט אַ הויז אין קראָטאָשין, וואָס האָט אים אָפּגעברענט פאַרן יאָר 1775[1]. דאָס הויז האָט ער צוריק אויפגעבויט און אין י׳ 1785[2] איז ער געווען אויף אים שולדיק 3.592 גילדן דעם אייגנטימער פון קראָטאָשין — פּאָטאָצקין.

ליזער איז געווען אַ קרוב למלכות. אין אַ מעמאָראַנדום פון יאָר 1775[3] שרײַבט ער: „מיך האָבן אונטערגעהאַלטן די דעקלאַראַציעס פון די מיניסטאָרן און אַפילו דער קיניג גופא". אויף אַן אַנדער אָרט שרײַבט ער, אַז ער איז

---

1 מעמאָראַנדומס צו דער פינאַנס-קאָמיסיע נומ׳ 44, ז׳ 240 (וואַרשעווער פינאַנס-אַרכיוו).

2 אָבלאַטן פון וואַרשעווער גראָד נומ׳ 24, י. 1785 (וואַרשעווער הויפּט-אַרכיוו).

3 מעמאָראַנדומס נומ׳ 41, ז׳ 159, י׳ 1792.

אין משך פֿון איבער אַ יאָרצענדלינג געווען קיניגלעכער מינץ-ליוועראַנט פֿון גרויס-פּוילן. אין דער צײַט פֿון דעם דעלעגאַציע-סיים, ד״ה פֿון די יאָרן 1773—75 האָט ער פֿאַרשיט דעם סיים מיט פֿאַרשיידענע פּראָיעקטן וועגן פּאַפּיר-שטעמפּל, וועגן שטעמפּל פֿון קאַלענדאַרן און לוחות, פֿון ייִדישע ספֿרים וכדומה.

אין די 90ער יאָרן קומט לייזערן צו אַ נײַער כּיבוד: ער ווערט ליוויטשער סענדיק, ווױנט אָבער גלײַכצײַטיק אין נײַהאָף און קומט פֿון צײַט צו צײַט אַראָפּ קיין וואַרשע, אייגנטלעך — קיין פּראַגע.

לייזער, וואָס שרײַבט זיך צו דעם פֿאַרדינסט פֿון אויסטראַכטן דעם פּראָיעקט פֿון פּאַפּיר-שטעמפּל, פֿון ספֿרים- און קאָרטן-שטעמפּל[4], האָט גערעכנט, אַז ער וועט באַקומען פֿאַר זײַנע אויפֿטוען די אַרענדע פֿון ספֿרים-שטעמפּל. דער געלט-שותּף לייבקע פֿון דובנע האָט זיך אָבער מיישב געווען און אַליין אָן לייזערן אָנגעהויבן זיך משתּדל צו זײַן וועגן דער דאָזיקער אַרענדע. דערזעענדיק, אַז ער איז דורכגעפֿאַלן מיט זײַן שותּף, וואָס האָט זײַן גוטן געדאַנק אויסגענוצט פֿאַר זיך, ווענדט זיך לייזער צו דער פֿינאַנס-קאָמיסיע מיט איינעם פֿון זײַנע לאַנגע מעמאָראַנדומס. „ער קרעכצט, בעטלט און יאָמערט״, אַז די קאָמיסיע זאָל אים ניט דערוויַיטערן פֿון דער אַרענדע, און זאָגט צו, אַז דעם עודף וועט ער ניט נעמען פֿאַר זיך, נאָר באַשטימען אויף אויפֿבויען אַ דרוקערײַ. וועגן דער פּראָיעקטירטער דרוקערײַ שרײַבט ער נאָך אין דעם זעלביקן מעמאָראַנדום, אַז „זײַענדיק אונטערשטיצט דורך די דעקלאַראַציעס פֿון די מיניסטאָרן און אַפֿילו פֿון דעם ליכטיקסטן האַר (קיניג), האָט ער שוין באַקומען אַ רעזאָלוציע, אַז איניגיכן וועט ער קריגן אַ פּריווילעגיע אויף אַ דרוקערײַ״. פֿון דעם אַ ביסל ניט קלאָרן מעמאָראַנדום זעען מיר, אַז לייזער האָט נאָך אין יאָר 1775 געמאַכט ערנסטע באַמיִונגען אַרויסצובאַקומען אַ פּריווילעגיע אויף אַ ייִדישער דרוקערײַ אין וואַרשע. ניט פֿאַרשטענדלעך איז דער פּאַסוס וועגן די דעקלאַראַציעס פֿון די מיניסטאָרן צי אַמבאַסאַדאָרן פֿון אויסלענדישע מלוכות. פֿון דעם פּראָיעקט איז אָבער גאָרניש געוואָרן, ווײַל לייזער האָט ניט באַקומען די אַרענדע פֿון ספֿרים-שטעמפּל.

אין יאָר 1776 האָט לייזער צוזאַמען מיט זײַן איידעם יונה בן יעקב באַקומען פֿונעם קיניג אַ פּריווילעגיע[5] אויף אויסצובויען אַ דרוקערײַ פֿון ייִדישע ספֿרים אין גאָלענדזינאָוו, (אַ טייל פֿון פּראַגע). פֿאַרוואָס די פּריווילעגיע איז חל אויף גאָלענדזינאָוו איז ניט שווער זיך משער צו זײַן. אין וואַרשע האָבן דעמאָלט ייִדן ניט געטאָרט ווױנען און ממילא האָבן זיי ניט געטאָרט באַזיצן קיין פּלעצער און הײַזער; צוויטנס איז גאָלענדזינאָוו געווען אַ פּריוואַט-גוט פֿון קיניג. לייזער האָט אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלע מודעה און זי פֿונאַנדערגעטיילט איבער אַלע ירידים, אַז ער זוכט שותּפֿים, אָבער אָן דערפֿאָלג. די סיבה איז ניט געווען געלט-מאַנגל,

---

[4] מעמאָראַנדום נומ׳ 44, ז׳ 240, י׳ 1775.

[5] פּרגל׳ M. Bałaban: Próba założenia pierwszej drukarni hebrajskiej w Warszawie (Z historji Żydów w Polsce, 1920).

נאָר עפּעס אַנדערש. די ייִדישע מאַסע איז געווען אויפגעבראַכט אויף לייזערן צוליב צוויי זאַכן: ראשית צוליב דעם וואָס ער האָט אויסגעטראַכט די נײַע גזרה פון ספרים-שטײַער[6], און שנית—וואָס ער האָט געוואָלט איבערנעמען דעם ספרים-שטעמפּל אין צרענדע, כּדי צו קענען שינדן די הויט פון דער ייִדישער מאַסע. לייזער איז זיך אַליין דערין מודה. אין דעם שוין ציטירטן מעמאָראַנדום אָן אַ דאַטע שרײַבט ער, אַז „די ייִדן אין אַלגעמיין בונטעווען קעגן אים (לייבקען) פאַר דעם דאָזיקן פּראָיעקט". ניט קיין חידוש, וואָס לייזערס קול-קוראס זײַנען געבליבן אַ קול-קורא במדבר!

בעת מיר רעדן וועגן דער פּאָרגעשיכטע פון דער וואַרשעווער דרוקערײַ פון ייִדישע ספרים, זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז אַ געוויסער Detoux[7], מסתּמא איינער פון די פיל אויסלענדער, וואָס האָבן געזוכט גליקן אין פּוילן, האָט זיך אין יענער צײַט געווענדט צום קיניג וועגן דערלויבן אים צו גרינדן אַ ייִדישע דרוקערײַ, מסתּמא — אין וואַרשע. צו דעם מעמאָראַנדום האָט דער געוועזענער שטולהאַר מאַשינסקי צוגעגעבן אַזעלכע כאַראַקטעריסטישע ווערטער: „Detoux זוכט מער פאַר אַלץ אַ מיטל צו פאַרבעסערן זײַן מצב".

ביז איצט האָבן מיר אַלץ געשריבן וועגן דער פּאָרגעשיכטע פון דער ייִדישער דרוקערײַ אין וואַרשע, נײַהאָף. איצט גייען מיר איבער צו דער אָנטשטייונג פון דער דאָזיקער דרוקערײַ גופא. געשען איז דאָס אין יאָר 1780 אויפן סמך פון דער פּריווילעגיע, וואָס דער „איידעלער" וואַרשעווער דרוקער די-פור (Du-Four) האָט באַקומען פון קיניג.

די פּריווילעגיע פון יאָר 1780[8] איז אַ דערגאַנצונג צו די-פורס פּריווילעגיע פון יאָר 1775. דער קיניג דערלויבט אים צו דרוקן ניט בלויז ביכער אין מזרח-שפּראַכן, נאָר אויך אין „העברעיִשער שריפט" libros non tantum linguarum occidentalium in characteribus Hebraicis און דערנאָך אָפּן צו פאַרקויפן אין משך פון די נאָענטסטע 30 יאָר. דאָס דרוקן העברעיִשע ספרים— זאָגט דער קיניג אין דער פּריווילעגיע — וועט ברענגען דעם נוצן, אַז ס'וועט ניט אַרויסגעפירט ווערן קיין אויסלאַנד קיין געלט פאַר די ספרים.

גלײַכצײַטיק ווערט אַנדערע דרוקערײַען פאַרווערט צו דרוקן העברעיִשע ספרים. אין דער פּריווילעגיע ווערט אויך אָנגעזאָגט, אַז ווי נאָר די די-פורישע דרוקערײַ וועט אָפּדרוקן אַ גענוגן סכום ספרים, וועט פאַרווערט זײַן אַרײַנצו-ברענגען פון אויסלאַנד ספרים און זיי פאַרקויפן. די וואָס וועלן דערויף צוברעכן זײַן וועלן באַשטראָפט ווערן מיט קאָנפיסקאַציעס און אַ קנס פון 2.000 דוקאַטן.

---

[6] מעמאָראַנדומס נומ' 44, ז' 240.

[7] די זאַמלונג פון די פּאַפּיערן נומ' 334, סומאַריוש פון די קיניגלעכע פּאַפּירן, ז' 27 „Remarques de St. Moszyński — Detoux cherche plutôt le moyen d'ameliorer son sort que tout autre chose".

[8] אַבלאַטן פון וואַרשעווער גראָד נומ' 8 פון 16/VII 1780.

דאָס וואָס אַ קריטיק האָט זיך גענומען אַרויסגעבן יידישע ספרים האָט אַרויסגעבראַכט פון די כּלים די אַנטיסעמיטישע „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ". מיט 3 יאָר שפּעטער האָט זי געפונען פּאַר נייטיק אויפצוּוואַרפן דאָס די-פּורן. באַקעמפנדיק דעם פּראָיעקט פון דעם „היסטאָריש-פּאָליטישן זכרונות-בלאַט"[9], וואָס איז אַרויס-געגאַנגען בײַ די-פּורן, וועגן צווינגען יידן צום מיליטער-דינסט, שרײַבט זי: „דער דאָזיקער פּאַריזער-וואַרשעווער גענעראַליסימוס (ד"ה די-פּור) קען זיך גוט אויף דער יידישער „רייטאַריע", ווײַל ער האָט זי אַ געוויסע צײַט געהאַט אונטער זײַן קאָמאַנדע, באַקומענדיק מיט עטלעכע יאָר צוריק אַ פּריווילעגיע אויף דעם אויס-שליסלעכן רעכט צו דרוקן יידישע ספרים — ווי דאָס איז אַלעמען באַוווּסט און ווי מיר האָבן בשעתו געמאָלדן אין דער פּרעסע".

אין פיר חדשים אַרום האָט די-פּור ניט האָבנדיק די מעגלעכקייט אַרײַנצולייגן געלט אין דער דרוקערײַ, אָפּגעטרעטן זײַן רעכט קריגערן. יענער ווידער האָט אויפגעשטעלט די דרוקערײַ און באַזאָרגט זי מיט אַלעם נייטיקן, אַזוי אַז זי איז אימשטאַנד געווען צו באַפרידיקן די באַדערפענישן פון אַלע פּוילישע יידן.

ס'איז קלאָר, אַז די-פּור[10], דער הויף-קאָנסילאַריוס פון פּוילישן קיניג, דער דירעקטאָר פון דער דרוקערײַ בײַ דער קאַדעטן-שול און דער אייגנטימער פון אַ באַקאַנטער דרוקערײַ אין וואַרשע אויף אַלט-שטאָט נומ' 58, איז דאָ געווען ניט מער ווי אַ פירמע. ס'איז לײַכטער געווען אַרויסצובאַקומען אַ פּריווילעגיע אויף אַ דרוקערײַ דעם באַקאַנטן דרוקער איידער דעם וואַרשעווער געוואַנט-סוחר קריגער[11]. וואָרעם האָט דען די-פּור בײַם אָנגעבן אַ בקשה אויף אַ יידישער דרוקערײַ ניט געוווּסט, אַז ער האָט ניט קיין קאַפּיטאַלן אויף אַזאַ אונטערנעמונג? ס'קען גרײַלעך געמאָלט זײַן, אַז ווידעראַמאָל האָבן מיר דאָ צו טאָן מיט לייזער פון קראָטאָשינס אַ שטיקל אַרבעט. ס'איז זייער מעגלעך, אַז דער אייביקער פּראָ-יעקטן-שאַפער לייזער האָט אויך אויסגעטראַכט דעם דאָזיקן הינטערוועג.

דעם דאָזיקן חשד דערוועקט אין מיר אַ שטעלע אין לייזערס מעמאָראַנדום פון יאָר 1792[12], וווּ ער שרײַבט בפירוש: „איך האָב אויפגעשטעלט די דרוקערײַ אין נײַהאָף". אַזוי ווי קיין געלט האָט לייזער ניט געהאַט, דאַרף מען די ווערטער פאַרשטיין אין דעם זין, אַז דעם פּראָיעקט צו גרינדן אַ יידישע דרוקערײַ אין וואַרשע, וואָס דערצו האָט ער בײַ יידן קיין מזל ניט געהאַט, האָט ער מיט קריגערס מאַטעריעלער הילף פאַרווירקלעכט לעבן וואַרשע — אין נייהאָף.

לייזער האָט אויך נאָכן גרינדן די דרוקערײַ אין משך פון גאַנצע 11 יאָר געהאַט צו איר עפּעס אַ שײַכות, צי אַלס פאַרוואַלטער, צי אַלס שותּף. דאָס דרינגט אַרויס פון זײַנע ווערטער אינעם דערמאָנטן מעמאָראַנדום: „אין משך פון עטלעכע

---

[9] נומ' 71, י' 1783.

[10] באַנדטקע: „די געשיכטע פון דרוקערײַען אין קיניגרײַך פּוילן" (פּויליש), ב' 2, ז' 204.

[11] סמאָלענסקי: „דאָס וואַרשעווער בירגערטום צום סוף פון 18טן י"ה" (פּויליש), ז' 31.

[12] מעמאָראַנדומס נומ' 41, פון 15טן נאָוו' 1792.

יאָר האָב איך זיך צוגעקוקט, אַז מײַן אײַנפאַל (שפּאַצירט פון מיר.–ע. ר.) און מײַן אַרבעט פאַר דער רעפּובליק, אונטערגענומען בײַ דער נײַהאָפער דרוקערײַ, האָט געבראַכט נוצן נאָר דעם האַר קריגער, װײַל יענער, האַלטנדיק די דרוקערײַ אין משך פון עטלעכע יאָרצענדלינג[13], נאַרט אײַנגאַנצן אָפּ די שאַצקאַמער און באַװוּלט זי אויף עטלעכע צענדלינג טויזנט גילדן אַ יאָר...". זײַן מעמאָראַנדום ענדיקט דער תּמיד דורך די שותּפים אָפּגעגאַרטער לײזער מיט דער בקשה, די קאָמיסיע זאָל אים געבן אַ קאָנצעסיע אויף אויפשטעלן אַ נײַע דרוקערײַ, וואָס ער האָט שוין פאַר איר גרײט מײַסטערס, די זין זײַנע[14].

סײַ די געבראַכטע שטעלעס אין לײזערס מעמאָראַנדום, סײַ זײַן אונטער־שריפט: „לײזער יצחק דער לוּוויטשער סינדיק פון נײַהאָף", באַווײַזן, אַז דער גאַנצער פּלאַן פון דער דרוקערײַ אין נײַהאָף מיט אויסנוצן די־פּורס נאָמען אַזאַ"וו, איז געװען אַן אויפטו פון דעם אײביקן פּראָיעקט־שאַפער לײזער פון קראָטאָשין. װער װײסט טאַקע, צי קריגערס זײער טעטיקע האַנט האָט שפּעטער ניט אָנגע־פירט דער ענערגישער לײזער? װער װײסט, צי דער געדאַנק פון אָפּקויפן די קאָרעצער דרוקערײַ, פון אַרויסגעבן דעם תּלמוד און נאָך און נאָך, איז ניט אויפגעקומען אין לײזערס רײַכער פאַנטאַזיע?[15]

---

[13] אַ טעות. די דרוקערײַ אין נײַהאָף האָט עקסיסטירט ערשט פון י' 1780, אַלזאָ ניט עטלעכע צענדלינג יאָר, ווי עס שרײַבט לײזער.

[14] אויף לײזערס מעמאָראַנדום האָט די קאָמיסיע געענטפערט מיט אַן אָפּזאָג. (עקאָנאָמישער פּראָטאָקאָל נומ' 31, פון 15 נאָוו' 1792, וואַרשעווער פינאַנס־אַרכיוו).

[15] מיט דעם ענדיקט זיך נאָך נישט לײזערס רירעוודיקײט. אין יאָר 1793 איז ער זיך פונדאַסנײַ משתדל וועגן אַ פּריווילעגיע אויף אַ ייִדישער דרוקערײַ. אַזוי ווי קריגער האָט אָבער געהאַט באַוואָרעניש מכוח דעם ענין, האָט די מאַרשאַלעק־יוריסדיקציע באַפוילן געגנוי אַדורכצושטודירן די פּריווילעגיע אויף אַ ייִדישער דרוקערײַ, וואָס די־פּור האָט געהאַט באַקומען און שפּעטער געהאַט אָפּגעטרעטן קריגערן (אַרכיוו פון קיניגרײַך פּוילן נומ' 308, 13/IV 1793).

דער אומדערמידלעכער לײזער האָט זיך אָבער אויך נאָך דעם דורכפאַל אין יאָר 1793 נישט אָפּגעזאָגט פון דעם געדאַנק צו גרינדן אַ ייִדישע דרוקערײַ. בעת עס איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד פון קאָשציושקאָ, שווימט לײזער ווידער אַרויף. ער טרעט אײניקע מאָל אַרויס אַלס שתּדלן פון דער ייִדישער באַפעלקערונג, טײלמאָל אַפילו מיט מאָדנע, גאָר קאָמישע תּביעות. אַזוי, למשל, ווענדט ער זיך צו דער רעוואָלוציאָנערער מאַכט, מען זאָל באַווײַבטע ייִדן נישט נעמען צום מיליטער, ווײַל „ווען זײ וואָלטן געפאַלן אין דער מלחמה, וואָלטן זײערע פרויען נישט געקענט חתונה האָבן..." זײער וויציק האָט דער־אויף געענטפערט דער וואַרשעווער פּרעזידענט זאַקרזשעווסקי: „זײ קענען זיך גטן, איבעריקנס מוזן זײ נישט פאַלן!.."

אָט יענע ברויזנדיקע צײַט פון אויפשטאַנד האָט לײזער אויסגענוצט פאַר באַנײַען זײַנע אַלט־נײַע פּראָיעקטן וועגן דער ייִדישער דרוקערײַ. נאָכמער, לײזער חלומט אויך וועגן אַ ייִדישער צײַטונג — (דאָס

דער אומדערמידלעכער לייזער-יצחק האָט אויך אין די שפּעטערע צייַטן געקערט וועלטן און זיך אַרומגעטראָגן מיט פּלענער, איינער פאַנטאַסטישער פאַרן צווייטן. אייניקע דאָקומענטן פון די צייַטן פון קאָשציושקאָ-אויפשטאַנד, באַווייַזן, אַז לייזער-יצחק האָט געהאַט אַ פלינק קעפּל, האָט גלייַך אויפגעכאַפּט די גוטע מינוט און אויסגענוצט זי פאַר זייַנע געשעפטן. דעם 17טן יוני 1794[16] האָט לייזער-יצחק באַקומען פון דער העכסטער רעוואָלוציאָנער מאַכט, פון „דעם נאַציאָנאַלן הויפּטראַט“ („Najwyższa Rada Narodowa“) אַ פּאַטענט אויף דרוקן העברעיִשע לוחות און צייַטונגען. האָט ער שוין געהאַט אַ פּאַטענט, האָט זיך בייַ אים אָנגעהויבן די נייַע, אָדער בעסער געזאָגט, — די אַלטע, צרה — דער געלטמאַנגל. בעט ער דעריבער דעם שטאָטפּרעזידענט זאַקרזשעווסקי, ער זאָל אים אַרויסגעבן אַ ספּעציעלן כּתב צו די באַזונדערע שטאָטצירקלען וועגן העלפן אים אייַנמאָנען די חובות, (מחמת אין די צייַטן פון אויפשטאַנד האָט גע-הערשט אַ מאָראַטאָריום אויף חובות). ס'איז ניט באַוווּסט, צי לייזער האָט באַקומען אַזאַ מין דערלויבעניש פון דעם פּרעזידענט, אַ פאַקט איז אָבער, אַז לייזער

---

איז אַלזאָ דער ערשטער פּראָיעקט פון אַ ייִדישער צייַטונג !). די מאַכט איז דעם ווונטש זייַנעם אַנטקעגנ-געקומען און אין 2 חדשים נאָכן אויסבראָך פון דעם אויפשטאַנד אַרויסגעגעבן אַזאַ מין דערלויבעניש צו דרוקן ייִדישע לוחות און צייַטונגען. איך רעכן, אַז די לייַכטקייט, מיט וועלכער קריגער האָט באַקומען די דערלויבעניש, דערקלערט זיך אפשר דערמיט, וואָס לייזער האָט אין זייַן פּראָיעקטירטער צייַטונג געוואָלט ווירקן אויף דער ייִדישער באַפעלקערונג, זי זאָל זיך אַקטיוו באַטייליקן אין אויפשטאַנד. אַזאַ מין השערה איז קרוב לאמת אין צוזאַמענהאַנג מיט דער גאַנצער אייַנשטעלונג פון דער רעוואָ-לוציאָנערער מאַכט צו געווינען די פאַרשיידענע פעלקער, בתוכם — די ייִדן, פאַר דער רעוואָלוציע און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט וואָס עס זייַנען דעמאָלט אַרויס אויפרופן פון דער מאַכט אין רוסיש, דייַטש א״אַ.

אַז דער פאַקט וואָס לייזער האָט באַקומען אַ פּאַטענט אויף אַרויסגעבן צייַטונגען, שטייט אפשר אין צוזאַמענהאַנג דערמיט, וואָס אין די צייַטן פון קאָשציושקאָ-אויפשטאַנד האָט מען זיך געפלייַסט צו געווינען די ייִדישע באַפעלקערונג פאַרן אויפשטאַנד, ווייַזט אויך די אָפּגעדרוקטע רעדע פון דעם ווילנער ד״ר כּאַלאָנוס (זע פּ. קאָן — „אַ ייִדישע שטים צום אויפשטאַנד 1794 אין ווילנע“, ווילנע 1933 [באַזונדערער אָפּדרוק פון ייִוואָ-בלעטער 1932—3]. (די באַציִונג פון דער ייִדישער באַפעלקערונג צו דעם קאָשציושקאָ-אויפשטאַנד האָב איך אַרומגערעדט אין מייַן אַרבעט: „די ייִדן אין דעם קאָשציושקאָ-אויפשטאַנד“ [כּתב-יד]).

[16] אַרכיוו פון קיניגרייַך פּוילן (Archiwum Królestwa Polskiego) נומ' 381 (הויפּט-אַרכיוו אין וואַרשע), ז' 329; אַרכיוו פון קיניגרייַך פּוילן, נומ' 284, ז' 191.

האָט זיך נאָכאַמאָל געווענדט צום פּרעזידענט[17] מיט אַ בקשה, דאָסמאָל — וועגן אַ סומע פון 200 רויטע גילדן; דערבײַ גיט ער די הבטחה, אַז די שאַצקאַמער וועט ממש שאַרן גאָלד.

לייזער, וועלכער האָט געהערט צו דעם טיפּ מוסרים, קרובי־למלכות און ענלעכע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך בײַ יעדער מלוכה־אָרדענונג און אין יעדן לאַנד געפונען, איז גרייט געווען פאַר אַ טאָפּ לינדזן צו פאַרקויפן דעם גאַנצן יידישן כלל. הן אין דער ערשטער בקשה, הן אין דער צווייטער גיט ער אָנצו־הערן, אַז ער האָט עפּעס אַ געהיימען ענין צום שטאָט־פּרעזידענט (Prosi o łaskawe ucho w powierzeniu pewnego interesu). אין דער צווייטער בקשה שרײַבט ער שוין אָפן, אַז די מלוכה קען דערפון האָבן טויזנטער גילדן הכנסה. מסתמא איז דאָס געווען איינער פון די שטײַער־פּראָיעקטן, וואָס אין דעם איז אַזוי רײַך געווען דער אומדערמידלעכער פּראָיעקטן־מאַכער און, ווײַזט אויס, פּראָפעסיאָנעלער מסור לייזער.

נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיך באַקענט מיט לייזערס הינטערקוליסן־ראָלע, גייען מיר איבער צו קריגערן. קודם־כל דאַרף מען זיך פאַרטראַכטן, פאַרוואָס ער האָט די דאָזיקע דרוקערײַ געעפנט דווקא אין נײַהאָף און ניט אין וואַרשע גופא. די סיבה איז זיך ניט שווער משער צו זײַן: ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, האָבן יידן זיך ניט געטאָרט באַזעצן אין וואַרשע, זיי האָבן דאָרט ניט געטאָרט האָבן קיין הײַזער וכדומה, און קריגער האָט דאָך געמוזט אָנקומען צו

---

[17] אַרכיוו פון קיניגרײַך פּוילן נומ׳ 381, ז׳ 456. אין דער צווייטער בקשה צום שטאָטפּרעזי־דענט בעט ער אַ קאָנסענס אויף פּאַכטן דעם בית־עולם אין פּראַגע, וואָס פריער האָט אים געהאַלטן אין פּאַכט דער באַקאַנטער שמואל זביטקעווער. בײַ דער געלעגנהײַט דערוויסן מיר זיך וועגן אַן אינטערע־סאַנטן פּרט, אַז דער פּראָיעקט וועגן אַ יידישן בית־עולם האָט גאָר געשטאַמט פון לייזערן, מער ניט שמואל זביטקעווער האָט אים דעם פּראָיעקט אַרויסגעכאַפּט.

(„Tudziesz moy projekt na kirchow żydowski wydany na Pradze, a y ten podstępnie Szmul zbieglec mi odebrał y pożytkował lat kilkanaście, a Skarb wcale z tego nic nie miał, teraz zaś jest moią prozbą pokorną, abym przy protekcyi y opiece Pańskiey mogł bydz przy tymże kirchowie konsensowany y utrzymany“).

אַז מען רעדט שוין וועגן דעם אַלטן מסור לייזער, זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז לייזער האָט זיך משתדל געווען בײַ דעם שטאָט־פּרעזידענט וועגן באַפרײַען דעם מלמד פון זײַנע קינדער פון מיליטער־דינסט אין בערעקס פּאָלק. זאַקרזשעווסקי האָט דערויף געענטפערט זייער וויציק, אָבער נצגאַטיוו: „בײַ די יידישע נבאים שטייט געשריבן, אַז דער דאָזיקער גרויסער מלמד דאַרף דערהרגענען דעם שונאס פירער. זאָל ער דעריבער גיין צום מיליטער“. (W Proroctwach żydowskich iest, iż ten tak wielki nauczyciel ma wielkiego wodza nieprzyjacielskiego zabić, niech więc idzie do woyska).

ייִדישע קאָרעקטאָרן, זעצערס אאַז״וו, וועלכע וואָלטן אָנגעטראָפן אויף וווינונגס־שוועריקייטן אין וואַרשע.

ניט קיין קליינע באַדײַטונג האָט אויך געהאַט דאָס, וואָס נײַהאָף האָט זיך גראָד דעמאָלט געפונען אין דער סטאַדיע פון כסדרדיקער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג. דער אייגנטימער פון נײַהאָף, פירשט סטאַניסלאַוו פּאָניאַטאָווסקי, האָט זיך מיט אַלע כּוחות געפּלײַסט צו אַנטוויקלען זײַן ישוב, ער האָט דאָרט אויפגעשטעלט אַ געוואַנט־פאַבריק, אַן אָנשטאַלט צו בויען וואַסער־שיפלעך און צום סוף, אין יאָר 1782 אַרויסבאַקומען אַ פּריווילעגיע, וועלכע פאַרוואַנדלט דעם דאָרף אין אַ שטאָט. ניט קיין חידוש דעריבער, וואָס קריגער האָט אויסגעקליבן נײַהאָף פאַר זײַן נײַער דרוקערײַ.

אין 8 חדשים נאָכן באַקומען פון די־פורן די פּריווילעגיע ווענדט זיך קריגער מיט אַ מעמאָראַנדום צו דער פינאַנס־קאָמיסיע (פינאַנס־מיניסטעריום) און פאַרציילט די גאַנצע געשיכטע פון זײַן דרוקערײַ. דאָרט גיט ער אויך איבער, וואָס מיר האָבן שוין געלייענט אין דער פּוילישער „וואַרשעווער צײַטונג", אַז זײַן דרוקערײַ האָט דאָס אויסשליסלעכע רעכט צו דרוקן ייִדישע ספרים און אַז „ווי נאָר זײַן דרוקערײַ וועט זײַן ביכולת צו באַפרידיקן די ספרים־הצטרכותן פון די ייִדן וואָס וווינען אין לאַנד, זאָל קיינער זיך נישט דערוועגן צו ברענגען ספרים פון אויסלאַנד אונטער דער שטראָף פון קאָנפיסקאַציע און פון 2.000 רויטע גילדן". איצט שרײַבט קריגער אין זײַן מעמאָראַנדום[18], אַז מיט גרויסע הוצאות האָט ער אויפגעשטעלט אַ דרוקערײַ, וואָס קען קלעקן פאַר די באַדערפענישן פון אַלע ייִדן וואָס וווינען אין לאַנד". דעריבער איז שוין געקומען די צײַט, עס זאָל אויסגעפירט ווערן דער דאָזיקער פונקט אין זײַן פּריווילעגיע, וואָס פאַרווערט אַרײַנצוברענגען ביכער פון אויסלאַנד. גלײַכצײַטיק בעט ער די רעגירונג, זי זאָל אים איבערגעבן אין אַרענדע דעם ספרים־שטעמפּל, וואָס ער איז פאַר דעם מסכּים צו באַצאָלן מער איידער דער שטעמפּל האָט אַרײַנגעבראַכט דעם מלוכה־אוצר אין משך פון לעצטן יאָר.

ס'איז נישט שווער זיך אָנצושטויסן, פאַרוואָס קריעגער האָט געוואָלט אַרײַנ־נעמען אין זײַנע הענט די אַרענדע פון ספרים־שטעמפּל. קריגער האָט געהאַט אַרום זיך אַ גאַנצע גרופּע מיטהעלפער ייִדן, האָט ער גוט געוווּסט אַלע גענג און געגנלעך, ווי אַזוי אָפּצונאַרן די קאָמיסיע און נישט שטעמפּלען ספרים, דעריבער איז ער זיכער געוועזן, אַז ער וועט קענען מערער האָבן דערפון איידער אין דעם לעצטן יאָר.

פון דער צווייטער זײַט האָט די אַרענדע פון ייִדישן ספרים־שטעמפּל געגעבן אים די פולע השגחה און ממשלה איבערן ייִדישן ספרים־מאַרק און צו דעם טאָקע האָט קריגער געשטרעבט און אפשר דער הינטער אים באַהאַלטענער לייזער פון קראָטאָשין, בײַ וועמען דער געדאַנק פון אַרענדע איז געבוירן געוואָרן נאָך אין יאָר 1775.

---

18 מעמאָראַנדום ג״ר 24, פון 8טן יוני 1781.

די קאָמיסיע האָט קריגערן אויף זײַן מעמאָראַנדום געענטפערט מיט אַן אָפּזאָג[19]. פּונקט ווי פריער האָט זי אויך ווײַטער אַליין געשאַפט איבערן ספרים-שטעמפּל.

קריגער ווי אַן אונטערנעמער מיט אַ ברייטן שווונג האָט דורך דער אַרענדע פון ספרים-שטעמפּל געוואָלט אַרײַננעמען אין זײַנע הענט די גאַנצע ספרים-פּראָדוקציע אין לאַנד. האָט זיך עס אים נישט אײַנגעגעבן אויף דעם וועג, זוכט ער אַנדערע דרכים. ער קויפט אָפּ די קאָרעצער[20] דרוקערײַ אין וואָלין פון די שותפים ר' צבי הירש ב"ר אריה לייב און זײַן איידעם שמואל ב"ר ישכר בער סג"ל, וועלכע האָט עקסיסטירט פון יאָר 1776. די צײַט ווען די קאָרעצער דרוקערײַ, וואָס האָט באַשעפטיקט 7 אַרבעטער[21] אין יאָר 1786, האָט זיך געפונען אין קריגערס באַזיץ (1781—87) פאַררעכנט א. טויבער, דער מחבר פון אַן אויספירלעכער אָפּהאַנדלונג וועגן דער קאָרעצער דרוקערײַ, פאַר דעם גלאַנץ-פּעריאָד פון קאָרעץ. „דאָס רוב ספרים פון דער קאָרעצער דרוקערײַ (בס"ה 20) איז געדרוקט געוואָרן אין דער דאָזיקער תקופה, ווײַל דער האַר קריגער האָט זיך דאָ ווי אין נײַהאָף געפירט מיט אַ ברייטער האַנט".

די גרויסע אונטערנעמערישקייט קריגערס איז קענטיק פון אַן אַנדערן גראַנדיאָזן פּראָיעקט, מיט וועלכן ער ווענדט זיך צו דער פינאַנס-קאָמיסיע אין יאָר 1782[22]. קריגער טראָגט זיך אַרום מיטן געדאַנק אַרויסצוגעבן דעם תלמוד. כּדי אויסצופירן אַזאַ גרויסע זאַך איז נייטיק „די הסכמה פון די עלטסטע און ערשטע רבנים אין לאַנד". ער בעט דעריבער די פינאַנס-קאָמיסיע, זי זאָל אַרויסגעבן צו אַלע רבנים און אלופים אַ פאַראָרדענונג (אַן אוניווערסאַל), וואָס לייגט אויף זיי אַרויף דעם צוואַנג צו קויפן דעם תלמוד בײַ אים און אַז קיין איינער פון זיי זאָל אים נישט שטערן אין זײַן אַרבעט, נאָר פאַרקערט זיי זאָלן אים העלפן אין דער גרויסער אונטערנעמונג, וואָס דאַרף אים קאָסטן פון 10 ביז 20 טויזנט רויטע גילדן. וועט די קאָמיסיע אַנטקעגנקומען זײַן בקשה, וועלן די דאָזיקע געלטער פאַרבלײַבן אין לאַנד און נישט אַרייסגיין קיין אויסלאַנד.

דאָס אַרויסגעבן דעם תלמוד איז תמיד געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן און האָט תמיד, בפרט אין פּוילן—געפאָדערט אַ גרויסע אָנשטרענגונג. בסך-הכל האָט מען ביזן 19טן י"ה אין פּוילן פיר מאָל אַרויסגעגעבן דעם תלמוד: צום ערשטן מאָל אין לובלין אין יאָר 1559, דאָס צווייטע מאָל אין קראָקע אין יאָר 1602, דאָס דריטע מאָל אויך אין קראָקע אין די יאָרן 1612–1620 און דאָס פערטע מאָל אין לובלין אין די יאָרן 1617—1628[23]. יעדעס מאָל פלעגן די גדולי

---

19 עקאַ.' פּראָטאָקאָל נומ' 18, ז' 413, י' 1781.

20 א. טויבער, „דפוסי קאָרעץ" („קרית ספר" א' חוברת ד', ז' 302).

21 ש. באָראָוואָי, „סקיצן צו דער געשיכטע פון יידישן בוך אין אוקראַינע", ב' 1 (יידישע ספרים אין אוקראַינע אין די צײַטן פון חסידות), קיעוו 1925, ז' 8 (אוקראַיניש).

22 מעמאָראַנדומס נומ' 25, ז' 237, פון 18טן סעפּט' 1782.

23 ג. ראַבינאָוויטש, „מאמר על הדפסת התלמוד (ספר דקדוקי סופרים)".

הדור אַרויסגעבן הסכמות און באַשיצן דעם דרוקער פאַר דער אויסלענדישער קאָנקורענץ. אין דער הסכמה צו דער לובלינער אויסגאַבע פון יאָר 1559 ווערט בפירוש געזאָגט: „ותקנו תקנה חזקה בחתימת ידיהם שילמדו בכל ישיבה בשלש מדינות הנ"ל מס' אחר מס'..." דאָס מיינט, אַז מען האָט זיך נישט געטאָרט באַנוצן מיט קיין אַנדערער אויסגאַבע ווי נאָר מיט דער לובלינער. אין די ישיבות האָט מען געמוזט לערנען די מסכתות אין דעם סדר ווי זיי זענען געדרוקט געוואָרן אין לובלין. דער אַרויסגעבער, האָבנדיק די זיכערקייט, אַז נאָר זיינע מסכתות וועט מען באַנוצן אין די ישיבות פון פוילן, האָט שוין נישט מורא געהאַט פאַר דער אויסלענדישער קאָנקורענץ.

אין 18טן י"ה געפינט זיך דאָס יידישע דרוקוועזן אין פוילן אין אַזאַ טרויעריקן מצב, אַז קיין איינער פון די אַרויסגעבער חלומט נישט וועגן אַזאַ גראַנדיאָזער אונטערנעמונג ווי אַרויסגעבן דעם תּלמוד. אַקעגן-זשע טרעפן מיר די אונטערשריפטן פון די באַרימטע פוילישע רבנים און פון די מנהיגים פון וועד אויף אויסלענדישע אויסגאַבעס פון תּלמוד.

די אויסלענדישע דרוקערייען יאָגן זיך נאָך הסכמות פון פוילישע רבנים, ווייל דאָס פאַרזיכערט זיי דעם מאָנאָפּאָל אויפן פאַרקויף אין דער פוילישער מדינה אויף אַ משך צייט וואָס איז אָנגעוויזן אין דער הסכמה. ווי ווייט די אויסלענדישע דרוקערייען האָבן פאַרנומען דעם פוילישן ספרים-מאַרק קען מען זען פון דעם אין 18טן י"ה באַרימטן סיכסוך צווישן דער דרוקעריי אין זולצבאַך און אַמסטערדאַם[24] וועגן דעם, צי האָט זולצבאַך געהאַט רעכט אַרויסצוגעבן דעם תּלמוד דעמאָלט, ווען אַמסטערדאַם האָט שוין געהאַלטן אין מיטן דרוקן און האָט שוין פון פריער באַקומען פון פוילישן וועד אַ הסכמה און דעם מאָנאָפּאָל אויפן פוילישן מאַרק. דאָס וואָס ביידע צדדים, דער אַמסטערדאַמער דרוקער פּראָפּס און דער זולצבאַכער זלמן פרענקעל, ווענדן זיך כּסדר צום פוילישן וועד, ער זאָל אַרויסטראָגן זיין פּסק-דין אין דעם סיכסוך, ווייזט באַשיידלעך אויף דער באַדייטונג פון דעם פוילישן ספרים-מאַרק (בפרט בנוגע דעם תּלמוד), פאַר די אויסלענדישע דרוקערייען.

קריגערס פּראָיעקט אַרויסצוגעבן דעם תּלמוד נאָך אַ 154-יאָריקער הפסקה האָט געזאָלט פוילן אומאָפּהענגיק מאַכן פון די אויסלענדישע דרוקערייען. וואָסער מין הילף קריגער האָט פאַרלאַנגט פון דער קאָמיסיע איז פון דעם מעמאָראַנדום שווער צו וויסן, ווייל וואָס הייסט „די קאָמיסיע זאָל אַרויסגעבן אַן אוניווערסאַל, אַז די רבנים און אלופים זענען געצוווּנגען צו קויפן זיין תּלמוד"?

מען דאַרף זיך משער זיין, אַז געמיינט האָט ער די פּאָרפרענומעראַטור פון תּלמוד. יעדנפאַלס אַזוי זאָגט דער ענטפער[25] פון דער פינאַנס-קאָמיסיע אויפן מעמאָראַנדום. אין דעם אוניווערסאַל צו די סופּעראינטענדענטן ווייזט אָן די

[24] Dr. M. Weinberg, Die hebr. Druckereien in Sulzbach (Jahrbuch der jüd. liter. Gesellschaft, 1903).

[25] עקאָנאָמישער פּראָטאָקאָל גומ' 21, ז' 353 פון 31טן יולי 1784.

קאָמיסיע אויף קריגערס פאַרדינסטן פאַר דער לאַנד-פּראָדוקציע, אַז צוליב אים בלײַבט דאָס געלט פאַר ספרים אין לאַנד. די קאָמיסיע בעט אירע באַאַמטע, זיי זאָלן „דורך די איידלסטע מיטלען משפיע זײַן אויף די קהילות", אַז זיי זאָלן פאַרויס פּרענומערירן דעם תּלמוד, וואָס אָן אים קען קיין שום ייִדישע משפּחה זיך נישט באַגיין", וואָרעם אַזאַ טײַערע אויסגאַבע איז אוממעגלעך אַדורכצופירן אָן אַ פּרענומעראַטור. קריגער פון זײַן זײַט איז אַלעמען מבטיח, אַז דער פּרײַז וועט נישט זײַן קיין העכערער ווי אין אויסלאַנד און אפשר אַ נידעריקערער. די קאָמיסיע בעט נאָך אַ מאָל אירע באַאַמטע אונטערצושטיצן קריגערס פּראָיעקט „און אָנוואָרעמען און אַרײַנגעבן חשק די קהילות" צו דער פּרענומעראַטור, בפרט נאָך, אַז קריגער זאָגט צו צו זײַן גוט און פרום און באַנוצן זיך מיט לויטער געשטעמפּלטע ספרים.

דער פּלאַן אַרויסצוגעבן דעם תּלמוד האָט זיך נישט אײַנגעגעבן, פאַרוואָס — איז שווער צו דערגיין. קען זײַן, אַז די אויסלענדישע דרוקן האָבן צוליב זייער לאַנגער טראַדיציע, בקיאות און מאַסנדיקער פּראָדוקציע דאָך געקענט ליווערן דעם תּלמוד אויף בעסערע באַדינגונגען איידער קריגער.

ס'קען אויך געמאָלט זײַן, אַז די ייִדן האָבן נאָך נישט געהאַט דעם געהעריקן צוטרוי צו דעם פרישן פאַרלעגער און נישט געוואָלט סובסקריבירן דעם תּלמוד. אפשר האָט קריגער געהאַט צו ווייניק געלט אויף אַרויסצוגעבן דעם תּלמוד און צו גרויסע האָפענונגען פאַרבונדן מיט דער סובסקריפּציע. נאָכדעם אָבער ווי די סובסקריפּציע האָט זיך נישט אײַנגעגעבן, האָט ער צוליב מאַנגל אין געלט געמוזט זיך אָפּזאָגן פון זײַן אינטערעסאַנטן פּראָיעקט. אַזוי צי אַזוי — דעם תּלמוד האָט קריגער דעמאָלט בלויז טיילווײַז אַרויסגעגעבן[26].

דער אייביק אומרויִקער קריגער האָט אָבער אויך נישט גערוט אין דער צײַט צווישן אָנגעבן דעם מעמאָראַנדום וועגן תּלמוד און צווישן דער תּשובה, ד"ה פון 18טן סעפּטעמבער 1782 ביזן 31טן יולי 1784.

אין אַ נײַעם מעמאָראַנדום, דאַטירט דעם 28טן אָקטאָבער 1782, האָט ער נײַע פּראָיעקטן מיט נײַע בקשות[27].

---

[26] פאַרגלײַך ב. פריעדבערג „תולדות הדפוס העברי בפולניא". לויט פריעדבערגן האָט קריגער אַרויסגעגעבן דעם ש"ס אין יאָר 1788. פרײַנד ב. ריבקינד האָט מיר צוגעשיקט אַ בריוו אין וועלכן ער שרײַבט וועגן דעם זעלבן ענין: „בײַ אונדז אין ביבליאָטעק (פון טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו-יאָרק), געפינען זיך די ערשטע צוויי בענד פון נאָווידוואָרער ש"ס „ברכות" תקמ"ב און משניות סדר זרעים תקמ"ד, זייער שיינע פאָליאָ-בענד מיט די הסכמות פון די רבנים אין פוילן, וואָלין און ליטע".

ב. ריבקינד מאַכט אויך אויפמערקזאַם אויף יעריס אַרטיקל (אין „קרית ספר" X, ז' 373) וווּ עס ווערט דערמאָנט „ובעז"ה נגמר כרך שני מהש"ס גם התחלנו בס"ד כרך השלישי כן יזכנו יתברך לגמור השאר כרכים במהרה" און אויך ראַבינאָוויטשעס באַמערקונג (מאמר על הדפסת התלמוד, ז' 110) אַז ער האָט געזען די מסכתות „שבת" און „עירובין".

[27] מעמאָראַנדומס נומ' 25, ז' 236.

ער קלאָגט זיך, אַז ער לייזט צו וויייניק פאַר זײַנע ספרים, און כּדי מערער צו לייזן, בעט ער די קאָמיסיע אַוועקצושטעלן אים אין בעסערע באַדינגונגען איידער די אויסלענדער, ד״ה באַפרײַען אים פון ספרים-שטעמפּל; אַדאַנק דעם וועט ער דורך זײַנע מאַגאַזינען בײַ די גרענעצן נישט בלויז פאַרקויפן אַ סך ספרים אין לאַנד, נאָר אין אויסלאַנד אויכעט.

קריגער ווייס גוט פונעם פּרינציפּ, אַז מע טאָר נישט פאָרלייגן אָפּצושאַפן אַ שטײַער, כּל-זמן מע האָט נישט אויסגעפונען אַ נײַע הכנסה במקום יענעם שטײַער. דעריבער לייגט ער פאָר דער קאָמיסיע אײַנצופירן אַ קאַלענדאַר-צוואַנג פאַר חתונה-געהאַטע ייִדן און ער איז מבטיח די קאָמיסיע, אַז דאָס וועט 10 מאָל אַזוי פיל אַרײַנברענגען איידער דער ספרים-שטעמפּל, וואָס בײַ אים באַגייען די ייִדן ריזיקע מיסברויכן. דערויף האָט יאָהאַן אַנטאָן קריגער, פאַרשטייט זיך, ווידער אַן עצה: אַז דער ספרים-פאַרקויף זאָל ווערן מאָנאָפּאָליזירט און קאָנצעסיאָנירט. דעם מאָנאָפּאָל זאָל באַקומען — פאַרשטייט זיך — דער בעל-דבר אַליין, קריעגער. ער זאָל האָבן דעם הויפּט-פאַרקויף, בײַ אים זאָלן זיך קאָנצענטרירן אַלע ספרים. ערשט בײַ אים זאָלן ייִדן-דעטאַליסטן קויפן די ספרים, אָבער נישט אַלע פון זיי זאָלן האָבן דאָס רעכט צו האַנדלען מיט ספרים. יעדער מוכר-ספרימניק זאָל אַרויסבאַקומען פון דער מלוכה אַ קאָנצעסיע און געבן אַ געהעריקע גאַראַנטיע. די דאָזיקע מוכר-ספרימניקעס זאָלן נאָך דערצו מחויב זײַן צו קויפן בײַ אים, דעם מאָנאָפּאָליסט, אַ באַשטימטן סכום ספרים.

אין קריעגערס עגאָצענטרישע פּראָיעקטן שטעקט אַ געוויס געזונט קערנדל. דער ספרים-האַנדל האָט זיך באמת געניייטיקט אין אַ שטיקל רעגולירונג, אָבער נישט אין אַזאַ ביוראָקראַטישער, ווי קריגער לייגט דאָס פאָר. קריגערס רעאַליזירטע פּראָיעקטן וואָלטן דעם ספרים-האַנדל שטאַרק טאָרמאַזירט און אפשר אַפילו אָפּגעשטעלט. אַ תּוהו-ובוהו וואָלטן די דאָזיקע פּראָיעקטן זיכער אַרויסגערופן.

הגם די מאַכט האָט קריגערס פּראָיעקט נישט אַקצעפּטירט, ווערט ער אָבער נישט מיד צו ווענדן זיך מיט נײַע. אין יאָר 1788[28] שיקט ער ווידער אַרײַן אַ גלות-לאַנגן מעמאָראַנדום, קלאָגט זיך, אַז די באַאַמטע היטן נישט אָפּ די פאַראָרדענונג פון דער פינאַנס-קאָמיסיע און לאָזן אַדורך נישט-געשטעמפּלטע ספרים. „ווי קען איך — שרײַבט ער — בײַ אַזאַ מצב האָבן אַן אָפּזאַץ אויף מײַנע ספרים?”

אַזוי ווי סײַ ער סײַ די קאָמיסיע איז פאַראינטערעסירט אין אָפּהיטן די געזעצן, לייגט ער פאָר, די קאָמיסיע זאָל אים איבערגעבן די השגחה איבערן ספרים-שטעמפּל, ער זאָל אויף יעדן שריט און טריט האָבן רעכט אַדורכצופירן רעוויזיעס און זוכן נישט-געשטעמפּלטע ספרים. מיט איין וואָרט — צו דערשטיקן זײַנע קאָנקורענטן, חורט דאָ קריגער איבער דעם אייגענעם פּראָיעקט, וואָס אין אָנהייב פון זײַן פאַרלעגערישער קאַריערע, מיט דעם חילוק, וואָס דעמאָלט האָט עס געהייסן אַרענדע פון ספרים-שטעמפּל, איצט האָט עס געקריגן דעם נאָמען: השגחה איבערן שטעמפּל.

---

[28] מעמאָראַנדומס גומ' 35, ז' 39.

פֿאַר זייַן טרחה בייַ די רעוויזיעס ווייל ער נישט קיין אַנטשעדיקונג, מערנישט די קאָמיסיע זאָל זייַנע קליינע ספרימלעך באַפרייַען פֿון שטעמפּל־אָפּצאָל, בפרט אַז דער אָפּצאָל איז נישט פּראָפּאָרציאָנעל צו דעם פּרייַז.

אין דעם ווייַטערדיקן טייל אַנטוויקלט קריגער אַ ריכטיקן געדאַנק, אַז די מלוכה זאָל העכערן דעם פּרייַז פֿון שטעמפּל־אָפּצאָל פֿאַר אויסלענדישע ספרים אויף אַ האַלבן גילדן אָדער אַ גילדן, אָפּהענגיק פֿון דער גרייס. בכלל ווייַזט ער ריכטיק אָן, אַז די פּוילישע ספרים האָבן אַן אָפּזאַץ־געביט נאָר אין ליטע; פּרייַסן און עסטרייַך זענען פֿאַר די פּוילישע מוכר־ספרימניקעס אינגאַנצן פֿאַרמאַכט, די אויסלענדישע בוכהענדלער, ווידער, האָבן אַ ברייטן אָפּזאַץ־מאַרק אין אויסלאַנד און דערצו זענען זיי בנוגע אָפּצאָלן גלייַך מיט די אינלענדישע.

דער לעצטער פּראָיעקט וואָלט אפשר געוועזן אָנצונעמען, איז ער אָבער ווידער עגאָצענטריש. פֿאַרוואָס זאָל דאָס זעלבע נישט חל זייַן אויף די איבעריקע ייִדישע דרוקערייַען אין פּוילן? פֿאַרוואָס זאָל בלויז קריגער געניסן פֿון דער הנחה אויף אינלענדישע ספרים?

אויף דעם באַריכותדיקן מעמאָראַנדום האָט די קאָמיסיע געענטפֿערט פּרטימדיק; וואָס שייַך די פּאַקטן פֿון פֿאַרקויפֿן נישט־געשטעמפּלטע ספרים, ווערט די קאָמיסיע די אַלע געבראַכטע פּאַקטן אויספֿאָרשן און די שולדיקע באַשטראָפֿן. די קאָמיסיע איז נישט מסכים אויף זייַן השגחה איבער דעם שטעמפּל מחמת די באַאַמטע זענען געשוואָרענע און ס'בלייַבט דעריבער זייער השגחה. וואָס שייַך אָפּשאַפֿן דעם שטעמפּל פֿון ספרימלעך, קען זי עס אַליין אָן דעם סיים נישט דורכפֿירן, מחמת אָנגענומען דאָס געזעץ וועגן ספרים־שטעמפּל האָט דער סיים. זי קען אויך נישט העכערן דעם אָפּצאָל פֿאַר אויסלענדישע ספרים. פֿאַר קריגערן האָט די קאָמיסיע איין ריכטיקע עצה: זאָל ער פֿאַרקויפֿן ביליקער פֿאַר די אויסלענדישע סוחרים אָדער פֿאַר דעם זעלבן פּרייַז וואָס זיי און דער אָפּזאַץ פֿון ספרים וועט זיך פֿאַרגרעסערן. מיט איין וואָרט נישט ביוראָקראַטישע מיטלען, וואָס קומען פֿון דרויסן, נאָר דער געזונטער סוחרישער פּרינציפּ פֿון ביליקער מאַכן די סחורה דאַרף זייַן דער לייט־פּאָדעם פֿון קריגערס סוחרישער טעטיקייט.

קריגער ווערט אָבער ווייַטער נישט מיד צו פֿאַרשיטן די קאָמיסיע מיט מעמאָראַנדומס. אין יאָר 1792[29] בעט ער נאָכאַמאָל צו באַפֿרייַען זייַנע קליינע ספרימלעך פֿון שטעמפּל־אָפּצאָל און ווידער באַקומט ער אַ נעגאַטיווע תשובה.

אין יאָר 1791 קומט פֿאָר אַן ענדערונג אין קריגערס מצב. ער, וואָס פֿלעגט פֿריער — ווי מיר האָבן דאָס געזען — אַרומגערעדט אויף אַן אַנדער אָרט — זייַן דער צדיק און אַפֿילו אָפּט אַרויסטרעטן אַלס אָנקלאָגער קעגן אַנדערע מוכר־ספרימניקעס, וואָס זענען עובר אויף דעם געזעץ, ווערט אָבער אין יאָר 1791 אָנגעקלאָגט דורך פֿאַרשיידענע מענטשן אין אַזעלכע עבֿירות, ווי פֿאַרקויפֿן אין די טויזנטער נישט־געשטעמפּלטע ספרים און צונויפֿקלעפּן עטלעכע ספרים אינאיינעם און אַרויפֿלייגן איין שטעמפּל וכדומה.

[29] עקאָנאָמישער פּראָטאָקאָל נומ׳ 30, ז׳ 1502, יאָר 1792.

די דאָזיקע ענדערונגען אין קריגערס האַנדלונג קען מען אפשר דערקלערן דערמיט, וואָס זעענדיק, אַז אַלע זײַנע מעמאָראַנדומס האָבן נישט קיין פּעולה, האָט ער אָנגעהויבן גלײַך ווי אַנדערע גיין אויף קרומע וועגן. און אפשר איז לייזער פון קראָטאָשין גערעכט, אַז קריגער האָט תּמיד אָפּגענאַרט די שאַצקאַמער, נאָר אין די לעצטע יאָרן האָט מען פון אַלע זײַטן געגומען אים מסרן און דעמאָלט זענען אויפגעדעקט געוואָרן זײַנע שווינדלערײַען, וואָס גייען אויף טויזנטער ספרים.

לאָמיר אָבער איבערגיין פון דער ספערע פון מעמאָראַנדומס צו דער ווירקלעכקייט. און דאָ ווערן מיר נאָך מער נשתּומם, ווי בײַם לייענען קריגערס דרייסטע, ווײַטגייענדיקע פּראָיעקטן, וואָס זענען אַן אויסדרוק פון קריגערס לעבנס-חלום: באַהערשן דעם ייִדישן ספרים-מאַרק אין פּוילן. אונדזער באַוווּנדערונג פאַר קריגערן, דעם וואַרשעווער געוואַנט-סוחר, ווערט נאָך גרעסער, ווען מיר גייען צו צו דער וועלט פון ציפערן. שוין פון אויבנאויף קען דרייסט געזאָגט ווערן, אַז קריגער איז באמת ניט ווײַט געווען פון זײַן לעבנס-אידעאַל. די ספרים-פּראָדוקציע אין פּוילן האָט זיך באמת אין אַ גרויסער מאָס קאָנצענטרירט אין זײַנע הענט. קריגער איז געווען דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין דער פּראָדוקציע פון ייִדישע ספרים אין פּוילן.

## די נײַהאָפער ספרים-פּראָדוקציע

| יאָר | צאָל געשטעמפּלטע ספרים: אין דער נײַהאָפער צאָל-קאַמער | אין דער וואַרשעווער יבשה-קאַמער דורך קריגערן | צוזאַמען |
|---|---|---|---|
| 1781 | — | 781 | 781 |
| 1782 | — | 1.729 | 1.729 |
| 1783 | 423 | 1.557 | 1.980 |
| 1784 | — | 1.892 | 1.892 |
| 1785 | 505 | 3.821 | 4.326 |
| 1786 | 866 | 2.743 | 3.609 |
| 1787 | 2.126 | 2.619 | 4.745 |
| 1788 | 4.754 | 626 | 5.380 |
| 1789 | 5.247 | 3.076 | 8.323 |
| 1790 | 4.699 | 241 | 4.[illegible]40 |
| 1791 | 3.414 | 175 | 3.619 |
| 1792 | 9.693 | — | 9.693 |
| 1793 | 4.788 | — | 4.788 |
| 1794 | 759 | — | 759 |
| 1795 | 785 | — | 785 |
| צוזאַמען | 38.089 | 19.260 | 57.349 |

פון דער טאַבעלע זעען מיר, אַז די נײַהאָפער דרוקערײַ האָט 1783—1795 אָפּגעשטעמפּלט 38.089 ספרים אין דער נײַהאָפער צאָלקאַמער. פאַרן יאָר 1783 איז אין נײַהאָף זיכער נישט געווען קיין קאַמער, ווײַל ערשט אין יאָר 1782 האָט נײַהאָף באַקומען די גרינדונגס־פּריווילעגיע פון אַ שטאָט. פונעם ערשטן טאָג צײַט די דרוקערײַ איז אויפגעשטעלט געוואָרן האָט קריגער גלײַכצײַטיק כסדר געשטעמפּלט זײַנע ספרים אין דער וואַרשעווער יבשה־קאַמער. פאַרוואָס ער האָט אַ טייל ספרים געשטעמפּלט אין נײַהאָף און אַ טייל אין וואַרשע, ווייס איך נישט. מסתמה מוז דאָס שטיין אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ריכטונג, אין וועלכער עס זענען געגאַנגען די ספרים. יעדנפאַלס האָב איך פעסטגעשטעלט, אַז דאָס זענען נישט די זעלבע ספרים.

דער סך־הכּל פון קריגערס דרוקערישער טעטיקייט איז אַן אימפּאָזאַנטער: קנאַפּע 58.000 ספרים זענען אין משך פון 15 יאָר אָפּגעדרוקט געוואָרן אין זײַנע פּרעסן. אויב מיר וועלן נאָך צורעכענען די 4.341[30] ספרים און לוחות, וואָס ער האָט נישט געשטעמפּלט, פאַר וועלכע ער איז אָנגעקלאָגט געוואָרן אין געריכט אַרײַן, און אַן ערך 1.000 ספרים, וואָס מען האָט געפונען נישט־געשטעמפּלטע אין יאָר 1792,—האָבן מיר 62.690 ספרים. לייזער פון קראָטאָשין, וועלכער איז נאָענט געווען צו דער אַרבעט, שאַצט אָפּ קריגערס שווינדלען אויף עטלעכע צענדליגער טויזנט גילדן. אויב מיר וועלן אָננעמען, אַז לכל־הפּחות אַ דריטל ספרים האָט זיך קריגערן, צו וועמען מען האָט זיך דאָך באַצויגן מיט אַ גרעסערן צוטרוי און אַכטונג ווי צו ייִדישע מוכר־ספרימניקעס, אײַנגעגעבן צו פאַרקויפן נישט־געשטעמפּלטערהייט, וועט בס"ה זיך אַרויסווײַזן, אַז קריגערס ספרים־פּראָדוקציע האָט לכל־הפּחות אָנגעטראָפן אַ 100.000 ספרים, ד"ה אַז דורכשניטלעך האָט ער געדרוקט 6.600 ספרים אַ יאָר.

פון דער טאַבעלע 1 זעען מיר, אַז דער וווּקס פון דער ספרים־פּראָדוקציע איז לכתחילה אַ פּאַמעלעכער. אין דעם ערשטן יאָר, דעם גרינדונגס־יאָר, באַטרעפט די פּראָדוקציע 781 ספרים. אין די יאָרן 1782, 1783 און 1784 פאַרטאָפּלט זיך די פּראָדוקציע. אין יאָר 1785 קומט פאַר אַ פּלוצימדיקער וווּקס אויף מער ווי 100 פּראָצ׳. די סיבה איז אַ גאַנץ פּשוטע: דער אוניווערסאַל פון דער פינאַנס־קאָמיסיע פון יאָר 1785 האָט פאַרשמעלערט די אימפּאָרט־מעגלעכקייטן פון אויסלענדישע ספרים, ממילא האָט געקענט פאָרקומען אַ וווּקס פון דער אָרטיקער פּראָדוקציע. אָנגעהויבן פון יאָר 1787 וואַקסט ווידער די ספרים־פּראָדוקציע און דערגרייכט איר העכסטן אַנטוויקלונגס־פּונקט אין יאָר 1792 מיט קנאַפּע 10.000 ספרים. דער דאָזיקער כסדרדיקער וווּקס, פון יאָר 1787 אָן, איז ווידער אַ פּועל־יוצא פון דער נײַער פאַראָרדענונג פון דער פינאַנס־קאָמיסיע, וועלכע האָט נאָך מער פאַרשמעלערט דעם אויסלענדישן אימפּאָרט און ממילא גורם געווען דעם וווּקס פון דער אייגענער פּראָדוקציע.

די ירידה אין די יאָרן 1794—1795 איז אַ רעזולטאַט פון דעם אויפשטאַנד

---

30 סמאָלענסקי, „דאָס וואַרשעווער בירגערטום סוף 18טער י"ה" (פּויליש), ז' 43.

אונטער דער אָנפירונג פון טאַדעוש קאָשציושקאָ, וואָס בשעת דעם איז דאָס גאַנצע ווירטשאַפטלעכע לעבן אָפּגעשטעלט געוואָרן, בפרט אין דער אומגעגנט פון וואַרשע, ווו עס זענען פאָרגעקומען די גרעסטע שלאַכטן. די דריטע צעטיילונג פון פוילן און דאָס איבערגיין פון אַ גרויסן טייל פון דער פּראָווינץ מאַזאָוויע (מיט נײַהאָף) אין די פּרײַסישע הענט, האָבן אַרויסגערופן אַ ווײַטערדיקע צערודערונג אין עקאָ-נאָמישן לעבן.

ווײַזט אויס, אַז די עיקר אַרבעט פֿלעגט אָפּגעטאָן ווערן אין פּראַגע, לעבן וואַרשע. אָנגעהויבן פון יאָר 1784 ביז 1793 טרעפן מיר אין פּראַגע כסדר גרופּעס ייִדן פון נײַהאָף. פאַר אַ סיבה פון זייער אָנקום קיין פּראַגע געבן זיי אָן אין דער מאַרשאַלעק-יוריסדיקציע, ווו זיי באַקומען אַרויס אויפהאַלט-בילעטן, די פאַרשיידענע עסקים מיט קריגערן, אַנדערע ווידער קומען קיין פּראַגע מיט נײַהאָפער ספרים צום פאַרקויפן.

ס'איז נישט שווער צו פאַרשטיין, פאַרוואָס די נײַהאָפער ייִדישע מוכר-ספרימניקעס שטעלן זיך אָפּ אין פּראַגע און נישט אין וואַרשע. פּראַגע האָט זיך פון אייביק אָן מילדער באַצויגן צו ייִדן ווי וואַרשע. אין פּראַגע האָבן געהאַט די הויפּט-דעה די פּריצים, די אייגנטימער פון הויפן, ווו ייִדן האָבן געוווינט און אַרײַנגעטראָגן זיי שיינע הכנסות פאַר דירה-געלט. פּראַגע איז תּמיד געווען אַן מקום-מקלט פאַר די וואַרשעווער ייִדן. פּראַגע פֿלעגט זיך טיילמאָל גאַנץ אָפן אַנטקעגנשטעלן די פאַראָרדענונגען פון דער מאַכט צו פאַרטרײַבן פון דאָרט די ייִדן.

די ספרים פון דער נײַהאָפער דרוקערײַ האָבן געהאַט אַן אָפּזאַץ טיילווײַז אין די קרוינלענדער און טיילווײַז אין ליטע. ווײַזט אויס, אַז אין נײַהאָף גופא האָבן אַ סך ייִדן דערפון געהאַט פרנסה. אין די שטעמפּל-רשימות פיגורירן צענדליגער ייִדן, וואָס שטעמפּלען אָפּ צענדליגער, אַמאָל הונדערטער און טיילמאָל אַפילו טויזנטער ספרים מיט אַמאָל. קריגער, וואָס האָט געאַרבעט מיט 4 דרוק-פּרעסן, האָט אַרום זיך געהאַט אַ גאַנצן שטאַב, דאָס רוב ייִדן, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט בײַ אים ווי זעצערס, דרוקערס און דער עיקר ווי פאַרשפּרייטערס פון זײַנע ספרים אין די קרוינלענדער און אין ליטע. דער גרעסטער פאַרשפּרייטער בערעק הערשקאָוויטש[31] גיט אָן אין זײַן מעמאָראַנדום צו דער פינאַנס-קאָמיסיע, אַז איבער 100 פערזאָן אַרבעטן בײַם פאַרשפּרייטן קריגערס ספרים אין ליטע[32]. די דאָזיקע ציפער ווײַזט אויס צו זײַן נישט קיין גוזמא. אין די שטעמפּל-רשימות באַגעגענען מיר אַחוץ דעם זייער אַ סך ייִדן פון די קרוינלענדער, וואָס שטעמפּלען אין דער נײַהאָפער קאַמער די אָקאָרשט געקויפטע ספרים. די איבערוועגנדיקע מערהייט בילדן אָבער די נײַהאָפער ייִדן מיטן גרעסטן מוכר-ספרימניק ברוך (בערעק) הערשקאָוויטש בראש.

31 מעמאָראַנדומס נומ' 42, צאָל 34, יאָר 1793.

32 דאָס דאָזיקע לייענען מיר אויך אין אַ באַריכט וועגן דער זעלבער דרוקערײַ פון די א"ג פּרײַסישע צײַטן, נאָכפּרײַסישע אַקטן (14, 752, S. P. וואַרשעווער הויפּט-אַרכיוו).

בכלל איז נײַהאָף — ביז צום יאָר 1782 — אַ דאָרף, ווו ס'האָבן זיך העכסטנס געפונען אַ פּאָר אַרענדאַרן — אַדאַנק דער דרוקערײַ געוואָרן אַ ייִדישער ישוב. קודם-כל האָבן דאָרט געפונען פּרנסה זעצערס, דרוקערס און מוכר-ספרימניקעס. אין די שטעמפּל-רשימות האָב איך אָנגעציילט 17 ייִדישע מוכר-ספרימניקעס אין נײַהאָף. אַחוץ דעם זענען נאָך אין די רשימות פון דער נײַהאָפער צאָל-קאַמער אויסגערעכנט 24 ייִדן, וואָס בײַ זיי איז נישט אָנגעגעבן זייער אָפּשטאַם-אָרט. דער שרײַבער האָט מסתמא געהאַלטן, אַז בײַ די נײַהאָפער ייִדן דאַרף מען נישט אָנגעבן זייערע אָפּשטאַם-ערטער. צוזאַמען אַלזאָ זײַנען אַחוץ 3 זעצערס און 2 דרוקערס* געווען באַשעפטיקט צײַטווײַליק אָדער שטענדיק אַן ערך 41 פּערזאָן.

אַחוץ ייִדן האָט קריגער אין זײַן דרוקערײַ באַשעפטיקט אויך עטלעכע קריסטן. דער הער לאָרענס אין נײַהאָף האָט אין פאַרשיידענע חדשים פון יאָר 1786 אָפּגעשטעמפּלט 373 ספרים. דער הער וואַשעציוק (Waszeciuk), „דער מעקלער פון דער נײַהאָפער דרוקערײַ", האָט אין די יאָרן 1791—1793 אָפּגעשטעמפּלט אין פאַרשיידענע חדשים בסך-הכל 675 ספרים.

דער גרעסטער פאַרשפּרייטער פון קריגערס ספרים דער דערמאָנטער נײַהאָפער ייִד ברוך (בערעק) הערשקאָוויטש[33], האָט אין משך פון 5 יאָר 1790–1794, אָפּגעשטעמפּלט 7.766 ספרים פון דער נײַהאָפער דרוקערײַ, היינו:

| | | |
|---|---|---|
| אין יאָר 1790 | — 481 | ספרים |
| „ „ 1792 | — 5.522 | „ |
| „ „ 1793 | — 1.434 | „ |
| „ „ 1794 | — 329 | „ |
| צוזאַמען . . . . . . | 7.766 | |

* אין יאָר 1790 טרעפן מיר אין נאָווי-דוואָר אָט די זעצערס: מנחם פון זשאָלקעוו, משה דער זון פון אליעזר לייזער כ״ץ ראַפּאָפּאָרט פון קראָטאָשין (דער זעלבער איז אויך געווען באַשעפטיקט אין דער נאָווי-דוואָרער דרוקערײַ אין די א״ג פרײַסישע צײַטן; (זע כתב-יד: Friszman Szaja. Drukarnie hebrajskie na Mazowszu od ich założenia do r. 1831) בנימין דער זון פון צבי הירש פון נאָווי-דוואָר. דרוקער זײַנען געווען: אַברהם יצחק דער זון פון אהרן זעליק פון אָסטראָווע און יודא דער זון פון חיים. דער משגיח איבער דער דרוקערײַ איז געווען „יעקב בהרבני... נפתלי צבי הירש זצ״ל מבית יאלים (?) מק״ק רייוויץ ולע״ע עוסק בעבודת הקודש בדפוס נאָווי-דוואָהר" (זע דאָס „ספר גבורת ה'" פון דעם פּראָגער רב יהודא ליוואַ בר רבי בצלאל, די נאָווי-דוואָרער אויסגאַבע פון יאָר תקנ״ו).

אין אַלע ספרים, וואָס האָבן דערשײַנט אין קריגערס דרוקערײַ, געפינט זיך געווײנטלעך אָט די אויפשריפט: „תחת ממשלת האדיר סטאַניסלוב פאניאטאווסקי יר״ה — גידרוקט אין דער פּריווילעגירטע דרוקריי״א פון הערן יאהן אנטאן קריגר; זייער אָפט גלײַכצײַטיק אין דײַטש: Neuhof bey Warschau Gedruckt in der Koenigl. und der Republique privil. Druckerey jüdischer Bücher von Johann Anton Krieger.

[33] בכלל איז ברוך הערשקאָוויטש געווען אַ גרויסער מוכר-ספרימניק, וואָס האָט געהאַנדלט נישט בלויז מיט נײַהאָפער דרוקן, נייערט אויך מיט ספרים פון אַנדערע דרוקערײַען. אזוי, למשל, ברענגט ער פון פראַנקפורט אַ טראַנספּאָרט פון 166 ספרים; אויך אין דער קאָרעצער קאַמער האָט ער אָפּגעשטעמפּלט אין יאָר 1792 — 40 ספרים.

דעם צווייטן אָרט פֿאַרנעמט דער בעל־מגיה, יונה בן יצחק, וועלכער האָט אין משך פון 2 יאָר אָפּגעשטעמפּלט 1.508 ספרים. צי האָט ער מיט זיי געפירט אַ מסחר צי זיי געשטעמפּלט פאַר דער דרוקערײַ, איז נישט באַוווּסט.

דער דריטער פאַרשפּרייטער איז געווען ברוך בן יצחק (איטשקאָוויטש), אויך פון נײַהאָף. בלויז אין איין יאָר 1788 האָט ער מיט אַמאָל אָפּגעשטעמפּלט 1.491 ספרים.

קלענערע מוכר־ספרימניקעס זענען געווען גרשון בן חיים מיט 1.186 ספרים, לעווקאָ בן משה מיט 705 ספרים, לעוועק בן יוסף מיט 616 ספרים, יאַנקל בן הערש מיט 229 ספרים און אַ גאַנצע ריי אַנדערע, וועלכע שטעמפּלען אָפּ אַמאָל עטלעכע צענדלינג ספרים, אַמאָל אַפילו עטלעכע הונדערט מיט אַמאָל. צווישן זיי דאַרף נאָך דערמאָנט ווערן דער אײַנבינדער דוד, וועלכער האָט בס"ה אָפּגעשטעמפּלט אַ 175 ספרים.

הגם קריגער האָט אַליין פאַרקויפט ספרים אויף די ירידים, ווי, למשל, אויפן יריד אין לענטשנע, וווּ מע האָט בײַ אים געפונען איבער 3.000 נישט־געשטעמפּלטע ספרים און לוחות[35], אין לובלין, וווּ ער שטעמפּלט אָפּ 109 ספרים אין יאָר 1790, — קומען אָבער קיין נײַהאָף צענדלינגער סוחרים פון פאַרשיידענע קאַנטן פון פוילן, צום מערסטן פון מאַזאָוויע, כדי אויפן אָרט צו קויפן ספרים בײַ קריגערן. דאָס זענען ייִדן פון גאָמבין, נײַשטאָט, ווענגראָוו, וואָידיסלאָוו א"אַ. גרעסערע טראַנספּאָרטן, איבער 100 ספרים, פירן אַרויס פון נײַהאָף איסר בן הערש פון לאַנאָוויעץ — 431 ספרים, לייב בן יצחק פון קאָלקי — 300, לעוועק בן יעקב פון ליסע — 200 ספרים, אברהם בן וואָלף פון בילגאָרײַ — 232 ספרים, יונה זעלקאָוויטש פון שידלאָוו — 228, לעוועק בן משה פון ווענגראָוו — 221, הערשקאָ ראַבינאָוויץ פון זשולקאָוו — 159, וואָלף פון גאָמבין — 142, פסח פון בלענדאָוו — 134, משה בערקאָוויטש פון פינטשעוו — 124, הערשקאָ בן אברהם פון בויבעריק — 104 א"אַ.

ס'ווײַזט אָבער אויס, אַז דער וויכטיקסטער אָפּזאַץ־געביט פאַר אים איז געווען ליטע, וווּ, אַחוץ דער שקלאָווער, האָט קיין שום דרוקערײַ נישט עקסיסטירט. אַרום דעם דאָזיקן אָפּזאַץ־געביט האָט ער געמוזט פירן אַ שווערן קאַמף מיט דער באַרימטער גאַליצישער דרוקערײַ אין זשאָלקעוו, וועלכע ציט איר טראַדיציע פון 17טן יאָרהונדערט. דער שוין ציטירטער מעמאָראַנדום פון יאָר 1788 הייבט זיך אָן מיט די ווערטער: „הגם די קאָמיסיע האָט אַרויסגעגעבן אַן אוניווערסאַל (געמיינט איז דאָ דער אוניווערסאַל פון יאָר 1787), אַז די ייִדן וואָס קומען פון גאַליציע זאָלן נישט פירן קיין נישט־געשטעמפּלטע ספרים קיין ליטע, דאָך האָט דער קראַסנאָסטאַווער שרײַבער אַדורכגעלאָזט 3 וועגן ספרים אָן שטעמפּל".

וואָס פאַר אַן אָרט ליטע האָט פאַרנומען אין קריגערס פּראָדוקציע, קען מען זען פון די צוויי פאַקטן: אין יאָר 1785 האָט קריגער מיטגעשיקט אויף אַ וואָגן 2408 ספרים מיטן זשאָלקווער סוחר לעוועק בן ישראל, וואָס ער איז מסתמא

---

34 וול. סמאָלענסקי, „דאָס וואַרשעווער בירגערטום סוף 18טער יאָרה'", ז' 43.

מיט אים געשטאַנען אין געשעפטלעכע באַציִונגען[35]. דעם אייגענעם יאָר האָט קריגער אין דער וואַרשעווער יבשה-קאַמער אָפּגעשטעמפּלט 4.326 ספרים. די פריערדיקע 2.408 ספרים זענען נישט געגאַנגען צום שטעמפּל, מחמת אויף ליטע איז נישט חל געווען דאָס געזעץ וועגן ספרים-שטעמפּל. פאַרגלײַכנדיק די ביידע ציפערן, זעען מיר, אַז אַ גרויסער טייל פון קריגערס פּראָדוקציע איז געווען באַשטימט פאַר ליטע.

נאָך בולטער וועט אונדז אילוסטרירן די באַדײַטונג פון עקספּאָרט קיין ליטע פאַר נײַהאָף דער ווײַטערדיקער פאַל: אין יאָר 1792[36] האָט דער גרעסטער אַגענט פון די נײַהאָפער ספרים ברוך הערשקאָוויטש אָפּגעשטעמפּלט 4.649 ספרים[37], וועלכע ער האָט געפירט קיין ווילנע. די נסיעה איז געווען זייער אַ שווערע, מחמת דעמאָלט האָט אין לאַנד געבאַלעבאַטעוועט די אַ"ג „טאַרגאָוויצער קאָנפעדעראַציע" און עס זענען פאָרגעקומען כסדרדיקע מהומות און קאַמפן. אין ווילנע האָט מען אָבער נישט געוואָלט אָנערקענען די שטעמפּלען פון דער קרוין אויף יִידישע ספרים, „ווײַל פון זשאָלקעוו (משמעות פון זשאָלקעוו) זענען שוין צוגעפירט געוואָרן אַ סך ספרים". ברוך בעט די קאָמיסיע, זי זאָל אים אומקערן דעם היזק, וואָס ליטע האָט נישט אָנערקענט די שטעמפּלען, און זאָגט צו, אַז די 100 פערזאָן, וועלכע לעבן פונעם ספרים-מסחר מיט ליטע, „וועלן אין גאַנצן לאַנד לויבן דאָס רחמנות און מילדהאַרציקייט פון דער פינאַנס-קאָמיסיע פאַרן פאָלק... און וועלן ביז סוף וועלט מתפלל זײַן צו גאָט פאַר דער מוטער-פאָטערלאַנד".

בײַ דעם געבראַכטן פאַקט איז נישט בלויז אינטערעסאַנט דער גורל פון די יִידישע מוכר-ספרימניקעס, זייערע שווערע לעבנסבאַדינגונגען, סכנות וכדומה, נײַערט די ציפערן אויך. אין יאָר 1792 האָט מען אין דער נײַהאָפער קאַמער אָפּגעשטעמפּלט 9.693 ספרים, דערפון איז 4.649 ספרים געגאַנגען קיין ליטע, ד"ה אַן ערך אַ העלפט[38].

זאָל נאָך דערמאָנט ווערן, אַז אין יאָר 1792 האָט אַ גראָדנער סוחר מיטן נאָמען נאָטקע בן נחום אָפּגעשטעמפּלט אין נײַהאָף 707 ספרים.

דער ווײַטערדיקער גורל פון קריגערס דרוקערײַ נאָכן אונטערגאַנג פון פּוילן ביז צו דער ליקווידאַציע פון דער דרוקערײַ אין יאָר 1818 פאָדערט אַ באַזונדער שטודיום.

---

[35] מעמאָראַנדומס נומ' 30, ז' 223, פון 10טן סעפּט' 1785.

[36] מעמאָראַנדומס נומ' 41, פון 10טן דעצ' 1792.

[37] דעם 22טן מערץ 1792 איז דאָס געזעץ וועגן ספרים-שטעמפּל אויסגעשפּרייט געוואָרן אויך אויף ליטע.

[38] מעמאָראַנדומס נומ' 42, צאָל 34, יאָר 1793. אויף זײַנע צוויי מעמאָראַנדומס האָט ברוך באַקומען אַ נעגאַטיוון ענטפער. די קאָמיסיע האָט אים בלויז דערלויבט צוריקפירן די ספרים קיין נײַהאָף, האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט אומצוקערן אים דאָס שטעמפּל-געלט (עקאָנאָמישער פּראָטאָקאָל נומ' 31, פון 10טן דעצ' 1792 און עקאָנ' פּראָטאָקאָל נומ' 32, יאָר 1793).

אין די א"ג פרײַסישע צײַטן ווען נײַהאָף האָט זיך געפונען אין די הענט פון די פרײַסן, איז די דרוקערײַ נאָך אַן איבעררײַס פון 2 יאָר פון דעם קאָשציושקאָ-אויפשטאַנד און דעם אַלגעמיינעם חורבן פון לאַנד, ווידער באַנײַט געוואָרן. די פּראָדוקציע האָט זיך אין יענע יאָרן פאַרקלענערט, פון די אַמאָליקע 4 פּרעסן זײַנען איצט געווען טעטיק בלויז 2, דער פּערסאָנאַל איז באַשטאַנען דעמאָלט פון 8 זעצערס, 4 דרוקערס, 3 אײַנבינדערס, 2 קאָרעקטאָרס, 1 שריפטגיסער און עטלעכע אַרבעטער.

פון דעם באַריכט דערוויסן מיר זיך, אַז די ספרים-פּראָדוקציע פון דער נײַ-האָפער דרוקערײַ האָט פון דעם גרינדונגס-יאָר 1780 ביז צום יאָר 1797 באַטראָפן 120 ווערק[39].

## די פּריווילעגיע אויף אַ יידישער דרוקערײַ אין וואַרשע (אָבלאַטע) פון יאָר 1780

Actum in Curia Regia Varsoviensi 1780 die sexta mensis Julii Anno dni 1780.

Oblata Privilegii super Typographiam Spectabill Du-Four servientis. Ad officium et acta presentia Castrensia Capit. Vars. personaliter veniens Gnosus (Generosus) Joannes Lapinski, eidem officio et Actis ejus Privilegium super Typographiam Spectabili Du-Four

---

[39] Acta betreffend des Städtchens Nowodwor oder Neuhoff (נאָכפּרײַסישע אקטן (S. P.) 752, ב' 14 הויפּט-אַרכיוו אין וואַרשע).

... auch eine betrachliche judische Buchdruckerey... Es sind darin seit dieser Zeit (1780) an 120 verschiedenen Werke worunter mehrere 4 bis 8 Alphabeten stark sind, gedruckt; bei den Kriegs Unruhen stand sie vor 2 Jahren ganz still Seit den October 1793 (?) aber fingt man wieder an zu arbeiten Die Abdrücke die sie liefert sind zum Theil sehr nett und nähern sich dem hollandischen ebreischen Druck (געמיינט אַמסטערדאַמער דרוק, וואָס האָט געהאַט אַ שם אין דער וועלט). Es sind jetzt statt der ehemaligen 4 nur 2 Pressen im Gange wobey ausser dem Rabbiner, der selbst Schriftsteller ist, ausser der Abfassung von religiösen Gutachten und Comentaren über den Talmud, die Aufsicht über den sehr mühsamer Druck fahrt, 8 Setzer, 4 Drukker, 3 Buchbinder, 2 Correctoren, 1 Schriftgiesser und einige Arbeitsleute in Activität sind".

מאַגיסטער ש. פרישמאַן, אין זײַן אַרבעט „וועגן די העבּרעיִשע דרוקערײַען אין מאַזאָווישע צײַט זייער גרינדונג ביז צום יאָר 1831" (אין כתב-יד—פאַר דעם דערלויבן צו באַנוצן זיך מיט דער אַרבעט דאַנק איך זייער דעם ה' פרישמאַן) באַרעכנט די צאָל דרוקן פון דער נײַהאָפער דרוקערײַ אויף 60, דערפון ביז צום יאָר 1794—32 (אין י' 1781—1 ספר, 1782—6, 1783—1, 1784—4, 1785—2, 1786—2, 1787 - 1, 1788—1, 1789—2, 1790—2, 1792 - 1, 1793—1, 1794—8). ווער פון ביידע איז גערעכט איז מיר נישט באַוווסט.

serviens in papyro signata viginta aureorum Hung. descriptum, infrascriptum obtulit et ad ingrossandum in Acta presentia porrexit Tenoris talis: Stanislaus Augustus etc. significamus, quod commendatam habentes Nobilis ac Spectabilis Petri du Four librarii nuper et Typographi jurati Universitatis Parisiensis nunc autem Incolae ac civis Vars. ac in arte Typographica experientiam, eidem ante quinque annos hic Varsaviae typographiam de novo erigendam per privilegium nostrum concesseramus verum quoniam in illo Privilegio praetermissa est determinalis temporis, quamdiu Beneficium per nos concessum esset duraturum, tum etiam expressa indigitatatio Characterum et Linguarum, in quibus Libros excudere sibi licitum foret. Nos et defectum illum supplere et gratiam nostram amplificare volentes ad augendam publicam Commoditatem pro majore Reipublicae librariae ornamento hisce litterris nostris praefati Nobili et Spectabili Petro du Four et proximo ejus de sanguine succesori, vel quem ipsum per Testamentum suum constituerit Typographiam iam per ipsum fundatam conservandi, ampliandi, novisque characteribus exornandi, in eaque scripta et libros non tantum linguarum Occidentalium, dum modo non prohibitos verum etiam Libros in characteribus Hebraicis tum etiam notas musicas typis imprimendi, ac in publica et aperta Libraria oficina dividendi, ad decursum annorum triginta a Data praesenti omnimodam facultatem tribuimus, Juribus Thesauri Reipublicae per omnia salvis. Cum vero nobilis ac Spectabilis Du Four sumptus notabiles pro ornanda Typographia sua Characteribus Hebraicis et notis musicis impendere, opus habeat, ut damnosae Pecuniarum pro libris Hebraicis ad externas Regiones erectioni obviaretur, nos impedire volentes ne laudabiles eius conatus deveniant irriti et impensae per Ipsum erogandae justo priventur fructu authoritate nostra Regia omnibus Typhographis et Bibliopolis in Ditionibus nostris permanentibus prohibemus ne Typographiis suis Characteros hebraicos et Typos pro Notis musicis inferre multo minus Libros hebraicos imprimere et quam primum in Typographia Du Fouriana libri hebraici in quantitati sufficienti pro Usu Judaeoum in Dominiis nostris degentium impressi fuerint, post factam hujus Privilegii Nostri Publicationem ullos alios ex partibus exteris advehere advectos emere emptosque divendere praesumat sub poena confiscationis eorundem Librorum et Typorum confiscatione ac Poena duorum millium aureorum Hung. promittentes pro Nobis et Serenissimis Successoribus

Nostris nos praefatum Nobilem et Spectabilem Du Four Ejusque Successores ad decursum triginta annorum ab usu hujusce privilegii non amoturos, negue cuipiam alteri facultatem imprimendorum et vendendorem Librorum hebraicorum et notarum musicarum Typis mandandarum, intra praefixum Temporis spatium concessuros. In quorum omnium fidem praesentes manu nostra subscriptas Sigillo Regni communiri jussimus Datum Varsaviae die XXVI Mensis Junii Anno Domini MDCCLXXX Regni vero nostri XVI Anno.

(אָבלאַטן פֿון וואַרשעווער גראָד נומ' 8, 26/VI 1780).

### באַמערקונג

אין דער אַרבעט וועגן קריגערן האָב איך זיך באַגרענעצט בלויז מיט די אַרכיוואַלישע מקור-ם. דאָס אויספאָרשן די ספרים גופא, וואָס זײַנען געדרוקט בײַ ק יגערן, פאָדערט אַ ספּעציעלע צוגעגרייטקייט און איז אין וואַרשע שווער אַדורכצופירן. איבעריקנס האָט די דאָזיקע אַרבעט געטאָן פרײַנד ש. פרישמאַן אין זײַן אַרבעט וועגן קריגערן, וואָס נעמט אַרום דערעיקרשט קריגערס טעטיקייט נאָך דער פונאַנדער-טיילונג פון פוילן. איי ניקע ספרים פון קריגערס דרוקערײַ האָב איך געזען אין דער סינאַגאָגע ביבליאָטעק און אין דער עפנטלעכער ביבליאָטעק. איך פיל זיך אָבער נישט פאַר קאָמפּעטענט אויף דעם סמך אַרויסצוזאָגן זיך וועגן קריגערס דרוקן. דאָס דאָזיקע דאַרף געטאָן ווערן דורך ספּעציאַליסטן אויפן געביט פון בוך-פאָרשונג. מײַן אויפגאַבע איז געווען צוטריטלעך צו מאַכן דעם ביז איצט אומבאַקאַנטן און נישט אויסגעפאָרשטן אַרכיוו-מאַטעריאַל. דאָס דאָזיקע איז וויכטיק נאָך מחמת דעם, וואָס אונדזערע פאָרשונגען אויפן געביט פון ביבליאָגראַפיע געפינען זיך דאָס רוב אין אויסלאַנד.

# הוספות

## I

### דער מעמאָראַנדום פֿון „יידישן פֿאָלק", אַז מען זאָל דעם ספרים-שטעמפּל נישט איבערגעבן אין אַרענדע, נאָר אַז די מלוכה אַליין זאָל אים איינמאָנען (ז' 5–6, 11).

Ustawą Seymu teraz zakończonego naznaczoną od wprowadzenia Xiąg zydowskich płacić po Groszu Srebrnem, y one pieczęcią Rzpltej naznaczyć, którey ustawie iako y innym iesteśmy posłuszni.

Zdało się P. Skarbu Kor. Kommissyi tę Ustawę wytłomaczyć, że się ona władnie rozciąga y do Xiąg tych, które iuż mamy między nami, y stempel onych licytować niektórym Zydom za Pewną Quotę.

Dopraszamy się P. Kom. Skarbu Kor. y remonstruiemy, iż ustawa Seymowa nie może się inaczej rozumieć, iak że podpadaią pod Stempel.

Same tylko Xięgi nasze wprowadzane, a nie iuż te których używamy.

Ale że iuż Licytacya zawarta y wspomniani Zydzi maią się rozieżdżać po Miastach y Stare Nasze Xięgi stemplować, zdaie się to nam rzeczą nad zamiar uciążliwą, abyśmy przy wielorakich uciskach y napaściach, mieli ieszcze zostawać ofiarą łakomstwa Wspól Braci naszych, z Samych Swiętości nam należnych korzystać chcących.

Przeto dla uniknienia tego P. Kom. Sk. Kor. prosi Cały Nasz Naród, aby sposobem pogłównego, Summę, którą obowiązują się ciż Zydzi płacić (rozłożyć na cały nasz naród) y podług proporcyi rozdzielić na Głowę każdego, a co się tycze Xiąg świeżo wprowadzić maiących do Kraju, lub z druku wychodzących Te raczej niech w Dyspozycyi Kommissyi P. zostaną.

Ta iest szczegulna Prośba Nasza którą u Nóg JWW Panów składamy, Wszak sprawiedliwie Jey się domagamy Bo y dla Skarbu pewnieyszy y dla nas nie tak uciążliwy ten rodzay będzie Podatku. O uskutecznienie której udaiemy się do JW Panów w nadziei, iż po Łakomstwa Współbraci tym tylko obroniemy się sposobem naypewniey.

Prześw. Kom. Skarbu Koronnej
Nayniżsi Podnożkowie
Naród Zydowski.

## II

### צום קאַפּיטל „באַגרענעצונגען פאַרן אַרײַנפיר פון יידישע ספרים"

פרײַנד פריעדבערג מאַכט מיך אויפמערקזאַם, אַז די ידיעה וועלכע איך ברענג וועגן דער כלומרשטער דרוקערײַ אין ראַדזיוויל שטימט נישט מיט דער ווירקלעכקייט. לויט פריעדבערגן (תולדות הדפוס העברי בפולניא) איז די דרוקערײַ געעפנט געוואָרן ערשט אין יאָר 1818. איך בין ניט קאָמפעטענט צו פּאַרענטפערן די פראַגע, צי האָט די יידישע דרוקערײַ אין יאָר 1788 יאָ עקסיסטירט. איך ברענג דעריבער דעם אָריגינאַל פון מעמאָראַנדום, וואָס מיאָנטשינסקי האָט דערלאַנגט צו דער פינאַנץ-קאָמיסיע

דער דאָקומענט לייענט זיך אַזוי:

„Zyskawszy przywilej na drukarnią przez łaskawe względy Najjaśniejszego Pana, w roznych stęplach do miasta mego Radziwiłłowa pozwoloną. Gdy do drukowania książek żydowskich zgodnie z prawem stęplem Skarbu Koronnego oznaczać się powinnych, Komora Radziwiłłowska na przyłożenie takowego stępla nie mająca uwag najgłówniejszą zdaje się być przeszkodą. Przeto tak z powodu własnego interessu a w nim celu zwiększenia dochodu Skarbu Koronnego o pozwolenie Officjalistom Komory miejscowej przykładania stępla na książki żydowskie a to dla skuteczniejszej tejże drukarni operacji dopraszam się

Najniższy sługa Miączyński

1) מיאָנטשינסקי האָט פון דעם געבראַכטן נישט אומעטום קלאָרן דאָקומענט דרינגען מיר, אַז באַקומען אַ פּריווילעגיע פון קיניג אויף אַ ייִדישער דרוקעריי (וואָס אמת, די קאָפּיע פון דעם אָריגינאַל וואָס דאַרף זיך געפינען אין דער קיניגלעכער מעטריק האָב איך נישט געפונען. אַזעלכע פאַלן פלעגן אָבער טרעפן. צווייטנס איז אוממיגלעך זיך פאָרצושטעלן, אַז מיאָנטשינסקי זאָל זיך ווענדן צו דער צענטראַלער מלוכה-אינסטאַנץ און פאַררופן זיך אויף אַ פאַלשן דאָקומענט).

2) ער האָט געמאַכט באַמיונגען וועגן פאַרלייכטערונגען פאַר דער דאָזיקער דרוקעריי.

3) מען קען אָבער נישט מיט דער פולער זיכערקייט באַהויפּטן, אַז די דרוקעריי אין ראַדזיווילוו האָט אָנגעהויבן צו פונקציאָנירן. עס איז מיגלעך, אַז דאָס אַלץ זיינען נאָר געווען צוגרייטונגען, וועלכע האָבן אָבער נישט דערפירט צום גרינדן די דרוקעריי.

ביי דער געלעגנהייט באַמערק איך, אַז לויט די אינפאָרמאַציעס פון ד"ר מאַהלער זיינען אין די קאָפּ-שטייער רשימות (געפינען זיך אין וואַרשעווער הויפּטאַרכיוו) פאַרצייכנט ייִדישע דרוקער אין ס אַ ט אַ נ אָ וו (הערשקאָ דער דרוקער (Drukarz) מיט זיין פרוי גיטל, זיינע זין עוזר און סאַנעל) ; אויך אין יאָר 1776 האָט דאָרט געלעבט דער דרוקער הערשקאָ. דאָס איז אַלזאָ אַ סימן, אַז עפּעס אַ ייִדישע דרוקעריי האָט אפשר דאָרט עקסיסטירט.

אויך אין ז אַ ס ל אַ וו ווערט דערמאָנט אין די קאָפּשטייער-רשימות פון יאָר 1764 דער דרוקער יאָש (Jos Drukarz) מיט זיין פרוי רבקה, זיינע זין און דעם ברודער דניאל. לויט פריעדבערגן איז אין זאַסלאַוו געגרינדעט געוואָרן אַ דרוקעריי ערשט אין יאָר 1807.

סאַטאַנאָוו אַלס אָרט פון אַ ייִדישער דרוקעריי ווערט בכלל נישט דערמאָנט ביי פריעדבערגן.

די אויבּיקע פאַקטן, פאַרבונדן מיט דער ידיעה וועגן דער דרוקעריי אין ראַדזיווילוו, גיבן אונדז צו טראַכטן, אַז אפשר האָבן אין די ערטער דאָך אַ קורצע צייט עקסיסטירט ייִדישע דרוקערייען, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין אַריכות ימים.

פריעדבערג שרייבט אין זיין בוך, אַז אויף די נייהאָפער דרוקן טרעפט מען די אויפשריפט „געדרוקט אין נייהאף ביי ווארשוי אין דער קיניגליכען אונד פאן דער רעפובליק פריווילעגירטען דרוקעריא ידישער ביכער". דאָ דאַרף ווערן באַמערקט, אַז דעם רוב ספרים פון נייהאָף, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו זען אין דער וואַרשעווער סינאַגאָגע-ביבליאָטעק און אין דער עפנטלעכער ביבליאָטעק (Bibljoteka Publiczna — איך וועגד דאָ די אויפמערקזאַמקייט פון די ייִדישע ביבליאָגראַפן אויף די ייִדישע ספרים פון דער דערמאָנטער ביבליאָטעק און איר כתבי-ידן אָפּטיילונג) איז פאַראַן אַן אויפשריפט אין דער דייטשער שפּראַך Neuhof bei Warschau. Gedruckt in der Koenigl. und der Republique privil. Druckerey jüdischer Bücher von Johann Anton Krüger. טיילמאָל אין פויליש (און דאָס אין אַ שלעכטן פויליש) Nowy Dwor w Drukarnia J. A. Krieger.

אויסער דעם איז נאָך פאַראַן אַ צווייטע אויפשריפט אויפן שער „תחת ממשלת אדוננו הדוכס האדיר והחסיד סטאניסלוב פאניאטאווסקי שאץ מיינשטר (שאַצמייסטער) פון ליטויא אונד שאב (שעף ?) פון דער קרון גארדי". אָדער קורץ „תחת ממשלת הדוכס האדיר סטאניסלוב פאניטאווסקי יר"ה". סטאַניסלאַוו פּאָניאַטאָווסקי איז געווען אַ ברודערן-זון פון קיניג סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי, ער איז געווען אייגנטימער פון נאָווידוואָר און אַ געוויסע צייט אויך פינאַנץ-מיניסטער פון ליטע. (פאַרגלייך Korzon. Wewnętrzne Dzieje Polski etc).

## צום קאַפּיטל „יאָהאַן אַנטאָן קריגער"

ווי עס באַווײַזט פּריעדבערג אין זײַן אויבן דערמאָנטן ספר, האָט קריגער געעפֿנט אין וואַרשע גופא אַ בוכהאַנדלונג פון יידישע ספרים, וואָס עס האָט געפירט דער בעל-מגיה יהונתן. דער זעלבער האָט אַרויסגעגעבן די ווײַטערדיקע מודעה וועגן דער דערמאָנטער בוכהאַנדלונג „עש ווערט בקאנט גימאכט דאז עש איזט צו קריגן כל מיני ספרים הן מדפוס נאווידוואהר והן מדפוס אמשטרדאם, די׳הר׳ן פורט [Dyhernfurth], זולצבאך, פירדא [Fürth] ושאר דפוסים במקז השוה אצל התורני מוהר״ר יהונתן מ״ס מן הסוחר יאהן אנטאן קריגר, זײַן גיוועלב איזט אצל וואלבראמסקי אין דער סאניטארסקי גאס קייגן פּאַציעס פּאלעץ איבער אין ווארשע" [געמיינט איז דאָ דער פּאַלאַץ פון גראַף פּאָציעי, וואָס איז געווען באַקאַנט ווי דער גרעסטער יידישער צענטער אין וואַרשע. לויט די אויס־רעכענונגען פון ד״ר מאַהלער אין „לאַנדקענטעניש" (נר׳ 2) האָבן אין פּאָציעיס פּאַלאַץ געוווינט אין יאָר 1781 — 541 יידן, ד״ה כמעט 21 פּראָצ׳ פון אַלע יידן וועלכע האָבן דעמאָלט געוווינט אין וואַרשע (אויסער פּראַגע). דער פּאַלאַץ פון פּאָציעי, גערופן Pociejów, האָט זיך געפונען אויפן טעאַטער־פּלאַץ צווישן דער סענאַטאָרסקע־גאַס און דער מאַרשאַל־כּאָש־גאַס].

## רשימה פון זעצער און דרוקער בײַ קריגערן

די ווײַטערדיקע רשימה איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אויפן סמך פון פריעדבערגן און פרישמאַנען. מיר האָט זיך אויך אײַנגעגעבן אויסצוגעפינען אייניקע מיטאַרבעטער קריגערס, וועגן אַנדערע האָב איך פעסטגעשטעלט זייער אָפּשטאַמונגס־אָרט, וואָס איז וויכטיק פאַר דער געשיכטע פון יידישן דרוק אין יענע צײַטן.

ד י  ז ע צ ע ר: צבי הירש ב״ר שמעון פון זשאָלקווע, יהודה ליב ב״ר שמואל פון זשאָלקווע (זײַן איידעם), ברוך ב״ר צבי פון קאָרעץ, אשר אריה ב״ר בעריש מגיס פון זשאָלקווע, גרשון ב״ר שמואל פון ווישעגראָד, יעקב ב״ר נפתלי צבי יאלס (אפשר פון עלס אין שלעזיע?), חיים משה ב״ר אברהם פון נאָווידוואָר, אליעזר פייביש ב״ר שמואל ליפשיץ פון קראָטאָשין, שמואל ב״ר יצחק, אהרן זעליק ב״ר אברהם יצחק, משה ב״ר אליעזר לייזער כ״ץ ראַפּאָפּאָרט פון קראָטאָשין, מאיר ב״ר יעקב פון קראָטאָשין, יעקב ב״ר יצחק פון דאָמבּ־אָווע, מנחם מאיניש פון ווישעגראָד, בנימין ב״ר צבי הירש פון נאָווידוואָר, שמעון ב״ר יהודה ליב פון זשאָלקווע.

ד ר ו ק ע ר (פּרעסנציער): יחיאל מיכל ב״ר בנימין, יעקב יוקל ב״ר אברהם, מאיר ב״ר יעקב, שמואל ב״ר אברהם חזן פון זשאָלעווק, אברהם יצחק דער זון פון זעצער אהרן זעליק פון אָסטראָוויעץ, אבא ב״ר חיים פון נאָווידוואָר.

דער שריפטגיסער (מאותיות יצוק) ישׂראל ב״ר יהודה ליב פון שווערענץ.

TARTU ÜLIKOOL
Inv. nr. 755
EESTI JA SU... KIRJANDUSE ARHIIV

B I B L J O T E K A J I W O
ŻYDOWSKI INSTYTUT NAUKOWY
S E K C J A H I S T O R Y C Z N A

Dr. EMANUEL RINGELBLUM

# Z DZIEJÓW KSIĄŻKI I DRUKARSTWA ŻYDOWSKIEGO W POLSCE W DRUGIEJ POŁOWIE XVIII WIEKU

WILNO / 1936